JEWISH
CANADIAN
DAILY
Circulated
All Over
CANADA
And Abroad

THE HEBREW JOURNAL

דער אידישער זשורנאל

פאליטיש
אומאפהענגיג
נאציאנאל

א צייטונג וועלכע גיט
פרייהייט פון אויסדרוק
צו אלע שיכטען

VOLUME VII No 2837 Toronto, Monday November 22 1920 יא כסלו פרשה וישלח תרפא. טאראנטא, מאנטאג דער 22־טער נאוועמבער, 1920. PRICE THREE CENTS

רוסיש-פוילישע שלום האנדלונגען אונטערבראכע

באלאכאוויטש און פעטלורא פלאנעווען צו פאראייניגען זייערע ארמייען געגען די באלשעוויקעס

סאוויעטען שלום דעלעגאציע פאדערט פוילען זאל נאכקומען אלע וואפענשטילשטאנד קאנדיציעס איידער מען קאן צוטרעטען צו די אמת'ע שלום פארהאנדלונגען. — פארדעכטיגען אז פוילען פלאנעוועט א נייע מלחמה אויף רוסלאנד.

ריגא, נאוועמבער, 21.

די שלום פארהאנדלונגען צווישען רוסלאנד און פוילען זענען אונטערגעבראכען געווארען און עס זעהט אויס אז עס האלט ניט ווייט פון א נייער מלחמה אויף'ן רוסיש - פוילישען פראנט.

די סאוויעטען רעגיערונג האט דערזעהן דאס הינטער די פארשפרעכונגען פון די פוילישע שלוחים צו מאכען א פערמאנענטען שלום ווערט געפלאנעוועט א נייע מלחמה מיט דער הילף פון דעם אוקראינישען גענעראל פעטליורא אין שותפות מיט דעם פוילישען גענעראל באלאכאוויטש, וועלכער פיהרט א מלחמה „ניט הערענדיג" פאלגען דעם וואפענשטילשטאנד, און וועלכער פיהרט אן ארמיי פון ניט קיין „רעגולערע" סאלדאטען.

ווילען ניט האנדלען מיט ליגנער

ווען די פארהאנדלונגען וועגען די שלום פונקטען האבען היינט געדארפט פארגעזעצט ווערען האט אדאלף יאפע, דער פארשטעהער פון דער באלשעוויסטישער שלום דעלעגאציע אינפארמירט דער פוילישער דעלעגאציע דאס די פארהאנדלונגען קאנען ניט פארגעזעצט ווערען איידער די פויליש רעגיערונג וועט ניט אויספיהרען אויף א לאיאלען אופן איהרע הבטחות וואס זי האט געמאכט ביים ערקלעהרען דעם וואפענשטילשטאנד.

ווילען אריינגארען די באלשעוויסטישע ארמייען

יאפע האט אויפגעוויזען אז דער פוילישער פאלקאווניק, ריבאק, פון דער מינסקער קאמיסיע וואס האט אויסגעארבייט די מיליטערישע קאנדיציעס פאר'ן וואפענשטילשטאנד האט איצט געמאכט נייע רעקאמענדאציעס וועלכע זענען ניט נויטיג.

יאפע האט אויך אויפגעוויזען אז ריבאק פלאנעוועט אין אמת'ן צו פאראייניגען די ארמייען פון דעם פוילישען גענעראל באלאכאוויטש מיט די סאלדאטען פון דעם אוקראינישען גענעראל פעטליורא און דאן באפאלען דאס סאוויעטען רוסלאנד.

פראנקרייך רופט א קאנפערענץ צו בעראטען זיך וועגען רוסלאנד

פאריז, נאוועמבער, 21.

עס ווערט דא ערקלעהרט דאס פרעמיער לאיד דזשארדזש פון ענגלאנד וועט אין גיכען קאנפערירען מיט פרעמיער ליגעס פון פראנקרייך וועגען איניגע זעהר וויכטיגע פראגען. די הויפט פונקטען וועלען זיין צו די נייע לאגע וואס איז געשאפען געווארען אין גריכענלאנד צוליעב דעם דורכפאל פון פרעמיער ווענעזעלאס און די פראגע וועגען רוסלאנד.

אויף דער טאגעס ארדנונג וועגען רוסלאנד וועט דיסקוטירט ווערען דאס וואס די באלשעוויסטישע ארמייען האבען געהאט אזא גרויסען זיעג איבער גענעראל ווראנגעל מיט זייער מארשרוט אין קאווקאז און דאס וואס זיי פאראייניגען זיך מיט די טערקען.

טשארטקאוו די הויפט קווארטיר פון גענעראל פעטליורא.

ווארשא, נאוועמבער, 21.

די באלשעוויסטישע ארמייען האבען ווידער געהאט גרויסע זיעגען איבער דעם אוקראינישען פראנט. די אוקראינישע רעגיערונג וואס איז פארטריבען געווארען פון קאמענעץ פאדאלסק האט זיך איבערגעקליבען אין טשארטקאוו, גאליציען.

ריפארטען פון גאליציען קומען אן דאס די באלשעוויקעס האבען פארנומען צעהן טויזענט געפאנגענע פון פעטליורא'ס ארמיי.

אויך ווערט געזאגט דאס די באלשעוויקעס פיהרען ערשט איצט א גרויסע ארמיי אריין נאך אוקראינע. מאסען אוקראינישע סאלדאטען לויפען אריין נאך פוילען צו באשיצען זיך פון די באלשעוויקעס.

איז דאס א מיטעל אריינצושלעפען רוסלאנד אין א נייער מלחמה?

לאנדאן, נאוועמבער, 21.

אין א דראטלאזער טעלעגראמע וואס איז דא דערהאלטען געווארען פון מאסקווא ווייזט אן די סאוויעטען רעגיערונג, דאס טראצדעם וואס צווישען רוסלאנד און פוילען הערשט א שטילשטאנד, דאך רוקט זיך גענעראל באלאכאוויטש מיט זיינע סאלדאטען אלץ נעהענטער צו רוסישער טעריטאריע.

די סאוויעטען רעגיערונג לאזט וויסען אז אין פאל גענעראל באלאכאוויטש וועט אזוי אנגעהן דאן וועט זי זיין געצוואונגען צו לאזען אריינגעהען איהרע סאלדאטען אין יענער טעריטאריע וואס איז באשטימט געווארען אלס נייטראלער קרייז איבער דער צייט פון די פריעדענס פארהאנדלונגען.

(א ידיעה צווישען אונזערע ספעציע־
(פארזעצונג אויף פיידזש 6.)

א איד שעמפיאן אין ענגלאנד

לאנדאן, נאוועמבער, 21 (א. ק. ב.)

די ספארט וועלט קאכט איצט מיט דעם, וואס דער אידישער באקסער מ. לואיס. פון ניו־יארק האט געוואונען די שעמפיאנשיפ פון דעם באריהמטען ענגלישען באקסער דזשאני באזאס.

עני לעווין ע"ה

געסטען איז געשטארבען די 26 יאהריגע אלמנה עני לעווין פון 367 קוין סטריט וועסט. זי לאזט איבער צוויי קליינע יתומים'לאך, א אינגעלע פון 5 יאהר אלט און א מיידעלע פון 3 יאהר. איהר מאן איז געשטארבען מיט דריי יאהר צוריק ווען די פלו האט צום ערשטען מאל אויסגעבראכען אין טאראנטא.

די פארשטארבענע איז געווען א שוועסטער פון אונזער געעהרטען מיטארבייטער ש. נעפאם.

די לויה וועט זיין היינט האלב נאך איינס נאכמיטאג פון דער פארשטארבענער'ס וואוינונג. זי וועט באערדיגט ווערען אויפ'ן בית עלמין פון דער מעקאל סטריט שוהל. אלע פריינט זענען געבעטען צו קומען.

גרויס פירשט מיכאיל לעבט און וויל ווערען רוסישער רעגיערער

פאריז, נאוועמבער, 21.

עס איז איצט אויף זיכער באשטעטיגט געווארען אז עס איז ניט אמת דער קלאנג וואס האט זיך געהאט פארשפרייט דאס דער גרויספירשט מיכאיל, דער ברודער פון געוועזענעם צאר ניקאלאי איז ערמארדעט געווארען אין סיביר צוזאמען מיט דער גאנצער צארישער פאמיליע.

עס ווייזט זיך ארויס אז מיכאיל איז אנטלאפען איבער אזיען קיין אינדיען און ער געפינט זיך די גאנצע צייט אויף דעם אינזעל סייעם. ער האלט זיך אויף אין דעם קעניגליכען הויף פון קעניג פון סייעם.

קעניג זיינער א פערזענליכער פריינט

עס ווערט געזאגט דאס גענעראל קאלטשאק האט איהם ארויסגעראטעוועט פון פערם און איהם אפגעשיקט נאך אינדיען.

דער קעניג פון סייעם האט חתונה געהאט מיט א רוסישער פרוי אין דער צייט וואס ער האט שטודירט אין רוסלאנד. אין יענער צייט האט ער זיך שטארק באפריינדעט מיט'ן גרויס פירשט מיכאיל און איצט העלפט ער איהם אין זיין גרויסער נויט.

עס ווערט אויך געזאגט דאס מיכאיל האט גרויס חשק ווידער איבערצונעהמען די ירושה פון רוסישען טראן. אבער ער וויל אז דאס גאנצע פאלק זאל דאס פארלאנגען און דאן וועט ער דאס אננעהמען.

גרויסע שעכטעריי אין די גאסען פון דובלין

דובלין, נאוועמבער, 21.

עס איז דא געמעלדען געווארען דאס הונדערט מענשען זענען געטויטעט און פארוואונדעט געווארען אין א שיסעריי, וואס איז פארגעקומען אין דאבלין אין א צוזאמענשטוס צווישען שין פעינער און סאלדאטען מיט געהיים פאליציי.

עס ווערט געזאגט דאס שין פעינער זענען באפאלען א פוט באל גיים און געעפענט א פייער אויף ארום פופצעהן טויזענט אנוועזענדע.

אן אנדער חברה איז באפאלען די הויפט קווארטיר פון די סאלדאטען און געהיים פאליציי און אויסגעשאסען פערצעהן אויף טויט און זעקס פארוואונדעט. צווישען די טויטע געפינען זיך דריי פון דעם שטאב פון דער געהיים פאליציי.

אלגעמיינער צוזאמענשטוס מיט סאלדאטען

לאנדאן, נאוועמבער, 21.

א טעלעגראמע פון דובלין מעלדעט, דאס ארום מיטאנאכט איז געקומען צו א צוזאמענשטוס צווישען דער ציווילער באפעלקערונג מיט די סאלדאטען, אין די גאסען פון דובלין.

די טעלעגראמע זאגט אז דאס מיליטער איז „זעהר טעטיג".

האבען מורא פאר א געפעהרליכער לאגע

אין רעגיערונג'ס קרייזען האט מען גערעדט וועגען א געפעהרליכער לאג וואס וועט דערפון ארויסקומען ווען דאס מיליטער וועט ארויס אין גאס ראבע נעהמען פון דער באפעלקערונג.

שלום טראקטאט וועט רעווידירט ווערען

זשענעווא, נאוועמבער, 21.

עס זענען שוין אנגענומען געווארען די פארלאגע צייט צו רעווידירען געוויסע פונקטען פונ'ם שלום אפמאך.

פערצעהן נאציאנען האבען אריינגעגעבען בקשות איינגענומען צו ווערען אלס מיטגליעדער אין דער ליגע. די פערצעהן זענען: פינלאנד, עסטלאנד, לאטוויא, ליטא, לוקסענבערג, עסטרייך, בולגאריען, אלבאניא, ליכטענשטיין, ארמעניא, אוקראינא, קאסטאריקא און געארגיעווסק.

שנאפס לייסענס אונטער א נייער קאנטראל

עס האט זיך דערהערט א קלאנג אז די פראווינציעלע רעגיערונג וועט אין גיכען איבערפיהרען דעם לייסענס דעפארטמענט אונטער א נייעם אויפזעהער. אנשטאט דעם וואס ביז איצט איז דער דעפארטמענט געשטאנען אונטער דער אויפזיכט פון דעם פראווינץ סעקרעטאר, וועט דער דעפארטמענט איבערגעהן צום אטוירני - דזשענעראל מר. רייני.

9 מענשען פארברענט

קוויבעק, נאוועמבער, 21.

צוויי פרויען און זיבען קינדער זענען פארברענט געווארען אין א פייער וואס האט אויסגעבראכען אין א הויז אין דעם דארף פאדאו.

ספרענקלין משפט אפגעלייגט

ווינדזאר, נאוועמבער, 20.

רעוו. ספרענקלין, וועלכער איז אנגעקלאגט אין שיסען דעם האטעל האלטער טראמבער איז ארויסגעלאזען געווארען אויף פינף טויזענט דאלאר בייל און דער משפט איז אפגעלייגט געווארען ביז דאנערשטאג.

נאציאנען ליעג סעקרעטאר זאג מאנדאטען הבטחות וועלען דורכגעפיהרט ווערען

(ספעציעלע קייבעל צום „אידישען זשורנאל".)

פאריז, נאוועמבער, 21 (א. ק. ב.) — רעפארטען פון זשענעווא, שווייץ, עס קומען איצט פאר די זיצונגען פון דער נאציאנען ליעג ברענגען די נייעס סער עריק דרומאנד, דער סעקרעטאר פון דער ליעג האט ארויסגעשיקט א צו אלע רעגירונגען פארלאנגענדיג אלע איינצעלהייטען פון די מאנדאטען. עריק האט אויך געגעבען אן אנצוהערעניש אז די נאציאנען ליעג וועט זעהען די הבטחות צו די מאנדאטען לענדער זאלען דורכגעפיהרט ווערען.

וואס פראנקרייך „הערט" נאך

נאך א רעפארט וואס איז אהער אנגעקומען פון זשענעווא מעלדעט פיצ'לע פון די ליעג מיטגליעדער זענען געגען די מאנדאטען.

גאליציען און בוקאווינא איבערפילט מיט אוקראינישע פליכטלינגע

ווין, נאוועמבער, 21, (א. ק. ב.) — לעצטע רעפארטען וואס קומען אהער פון גאליציען מעלדען, דאס גאנץ גאליציען און בוקאווינא זענען איצט פילט מיט אידישע פליכטלינגע, וואס אנטלויפען פון אוקראינע. הונדערטע קומען צולויפען, גאנצע קהלות פארלאזען זייערע היימען איבערלאזענדיג און גוטס און מיט דער גרעסטער אימה לויפט מען וואו די אויגען טראגען צו ראטעווען דאס לעבען. די לאגע אין גאליציען און בוקאווינא איז דארום שרעקליכע.

קריטיק אויף דער „רעשוינט" דיסטריבושאן האבען פארט געבראכט גוטע רעזולטאטען

די זיצונגען פון [illegible] אפגעהאלטען געווארען האבען זיך שוין געשלאסען אבער דער רעזולטאט איז רעדוויל ניט פארעפענטליכט. פון זיכערע קוועלען דערוויסען מיר זיך אבער די עלטערע מיטגלידער פון דער „דזשוינט" האבען גאנץ שארף קריטיקירט האנדלונגען פון לייטנאנט בעקער, וועלכער איז דער הויפט אנפיהרער פון הילפס ארבייט אין אייראפא.

די קאנפערענץ האט אויסגעוועהלט דר. בערנארד קאהאן פונ'ם פאראיין צו העלפען די אידישע פליכטלינגע. דר. קאהאן האט קאנפערירט [illegible] אידען פון ווין וועגען די פליכטלינגע פון מזרח גאליציען.

די היגע אידען האבען געפייערט דעם 70-יאהריגען געבורטסטאג פון בלאך, וועלכער געפינט זיך יעצט אין אמעריקא אין די אינטערעסען פון גאליציאנער אידען.

פון אונגארן ווערט געמעלדען אז דארטען דרינגט זיך א נייע פאליטישע פארטיי מיט'ן צוועק איינצושטעלען ארדנונג אין לאנד און בלויז אזעלכע פאליטיקער אויף וועמען עס איז ניטא קיין פלעק ווערען אריינגענומען.

עמיר פייזאל זוכט אויסצוווירקען אנערקענונג אין לאנדא

לאנדאן, נאוועמבער, 21 (א. ק. ב.) — די „סאנדעי קראניקעל" דרוקט רעפארט דאס עמיר פייזאל וואוינט אין לאנדאן אין געהיים. זיין צוועק איז צו באוויליגען אנערקענונג ביי דער ענגלישער רעגיערונג אלס קעניג פון סיריען. פאטער דער קעניג פון די העדזשעס איז געגען זיין האנדלונג.

אונזער קארעספאנדענט פון ירושלים מעלדעט, דאס אברהם'ס ברונען באר שבע איז איינגעריכטעט געווארען אויף א מאדערנעם אופן און זי גיט וואסער פאר דער גאנצער באפעלקערונג.

פראנקרייך וויל פארנעהמען סיריען אויף שטענדיג

פאריז, נאוועמבער, 21 (א. ק. ב.) — גענעראל גוראד, דער פראנצויזישער הויי קאמישיאנער נאך סיריען איז געבעטען אנגעקומען קיין מארסאיל און ערקלערט דאס פראנקרייך האט בדעה צו האלטען סיריען אויף שטענדיג.

באשולדיגען אידען אין אריבערשמוגלען דייטשען קא פארמעגען

בערלין, נאוועמבער, 21, (א. ק. ב.) — א היגע צייטונג איז ארויס מיט א רעפארט דאס די אידישע פירמא גרוזער און פיליפסאן קאמפאניע פון סטערדאם האט אריבערגעשמוגעלט נאך האלאנד א פארמעגען פון פיער מארק פאר די רייכישע פרינצען, וואס האט באלאנגט צו דער דייטשער ליכער פאמיליע.

דער דייטשער סטודענטען - פארבאנד וואס רופט זיך „בורשענשאפט" האט אנגענומען א פראטעסט רעזאלוציע געגען דעם וואס מאנכע סטודענטען איינען שליסען אויס אידישע מיטגליעדער.

אידישע פאלקס שולען ערלויבט צו גרינדען אין דייטשלאנד

(ספעציעלע קייבעל צום „אידישען זשורנאל".)

בערלין, נאוועמבער, 21. (א. ק. ב.) — עס איז דא באוואוסט געווארען דאס די רעגיערונג האט ערלויבט צו גרינדען אידישע פאלקס שולען אין מינכען און נורעמבורג.

אידישע עמיגראנטען ווערען באשווינדעלט

פאריז, נאוועמבער, 21. (א. ק. ב.) — אן אגענט פון א שיפס קאמפאניע האט באשווינדעלט פיער הונדערט עמיגראנטען אין פלאריענט. ער האט ביי זיי אויסגענארט צעהן טויזענט פונט.

פון ווארשא ווערט אהער געמעלדען דאס די אידען פון גאליציען ווערען פארפאלגט פון דער באפעלקערונג, מען וויל זיי ניט פארקויפען קיין עסענווארג, אפילו אזעלכע וואס האבען א כח אקציעס פון דער רעגיערונג'ס הלוואות ווערען אויך אזוי באהאנדעלט. דארטען וואו מען פארקויפט שוין יא צו אידען, צווינגט מען זיי צו באצאהלען א פיער העכערען פרייז ווי ניט-אידען.

ווראנגעל'ס שליח זאגט גענעראל באלאכאוויטש ווערט אויסגעהאלטען פון פוילען

לאנדאן, נאוועמבער, 21 (א. ק. ב.) — גענעראל מילער, דער פארטרעטער פון גענעראל ווראנגעל אין פראנקרייך האט ארויסגעגעבען אן ערקלעהרונג דאס ניט רוסלאנד און ניט פראנקרייך האבען ארגאניזירט די ארמיי וואס ווערט געפיהרט פון גענעראל באלאכאוויטש. נאר פוילען אליין האט זי ארגאניזירט און האלט זי אויס.

סטאטוען געמאכט פון לענין און טראצקי

די היגע פרוי קלעיר שערידען, א קוזינע פון קריגס מיניסטער טשורטשיל, וועלכע איז א באדייטענדע סקולפטארין האט זיך נאר-וואס צוריקגעקעהרט פון רוסלאנד וואו זי האט געמאכט סטאטוען פון ניקאלאי לענין און טראצקי. די ערשטע רעגיערער איבער א סאציאליסטישער מדינה.

פרוי שערידען האט ערקלעהרט דאס טראצקי איז א וואונדערבארע פערזענליכקייט, ער האט א קאפ פון א מעפיסטאפעל.

„פאסט" זאגט איהר ווארט אין ענין פון ציוניסטישע אנגעלעגענהייטען

די היגע „מארנינג פאסט" דערצעהלט אז די אמעריקאנער ציוניסטישע ארגאניזאציע האט זיך אפגעריסען פון אלוועלטליכען ציוניסטישען פארבאנד דערפאר ווייל די אמעריקאנער ציוניסטישע אנפיהרער זענען גוטע געשעפטסלייט און זיי פארשטעהען מיט זייער געשעפטס-מענערישען שכל אז די פלענער און מעטאדען פון די אייראפעאישע ציוניסטען זענען ניט צום דורכפיהרען. דער שרייבער לויבט זעהר פיעל די האנדלונג פון די אמעריקאנער ציוניסטען. ער ערקלעהרט אז ריכטער לואיס ד. בראנדייס וועלכער איז דער פיהרער פון די אמעריקאנער ציוניסטען איז געוועזען גערעכט מיט דעם וואס ער האט רעוואלטירט געגען די האנדלונגען פון די אייראפעער. די „וויקלי דעספעטש" דרוקט אן ערקלעהרונג פון ח. ווייצמאן לייקענענדיג דעם באריכט פון „פאסט".

קערענסקי וויל וויסען וואס עס קומט פאר אין רוסלאנד

וויען, נאוועמבער, 21, (א. ק. ב.) — פון ריגא קומט אהער א רעפארט דאס אלעקסאנדער קערענסקי, דער געוועזענער פרעמיער פון רוסלאנד באלד נאך דעם ארונטערוואהרפען פון צאר ניקאלאי, האט דארט איינגעעפענט א הויפט קווארטיר כדי נאכצופאלגען אלע פאסירונגען פון רוסלאנד.

קענעדער רעגיערונג בעט אז די גרענעצען פאלעסטינא זאלען זיין צופרידענשטעלענ פאר די ציוניסטען

(ספעציעל צום „אידישען זשורנאל".)

מאנטרעאל, נאוועמבער, 21.

די ציוניסטישע הויפט קווארטיר האט באקומען א ידיעה דאס די קענעדער רעגיערונג האט געשיקט א טעלעגראפישע בקשה צו דער ענגלישער רעגיערונג בעטענדיג דאס ביים באשטימען די גרענעצען פון פאלעסטינא זאלען געהויבען ווערען אין אנבאטראכט די טענות פון ציוניסטען. און עס זאלען ניט אפגעזונדערט ווערען די וויכטיגע טיילען פון פאלעסטינא. די טעלעגראמע לויט זיך:

„די קענעדער רעגיערונג אונטערשטיצט זעהר שטארק די פאדערונגען פון די קענעדער ציוניסטען, אין באצוג צו די גרענעצען פון פאלעסטינא. די באשטימטע גרענעצען פון פאלעסטינא מוזען איינשליסען דעם וואסער אויסגאס פון ליטאני דער יארמוק טאל, און די קליינע טייכלאך וואס שניידען זיך ארום פון ים טבריה און ירדן, אויך זאלען אריינגענומען ווערען די פעלדער וואס געפינען זיך צום מזרח זייט, פון דעם טייך טבריה".

די בקשה פון דער קענעדער רעגיערונג איז אפגעשיקט געווארען נאך ענגלאנד אויף דער איניציאטיווע פון דער קענעדער ציוניסטישער פעדעראציע.

ווי מיר האבען שוין געמעלדען „זשורנאל" מיט א שטיקעל צייט איז א דעפוטאציע פון דער קענעדער ציוניסטישער פעדעראציע אויפגענומען ווארען פון סער דזשארדזש דער קענעדער האנדעלס מיניסטער, בער פארטרעט איצט קענעדע ביי נאציאנען ליעג. די דעפוטאציע איהם קלאהר געמאכט וועגען די טישע בקשות און ער האט דאן בערט דער דעפוטאציע רעגיערונג וועט נעהמען אין די בקשה פון די קענעדער ציוניסט

אנגעקומענע שיפען

ראמאנא, פון לארין — — — — — — — — — — אין מאנטרעאל
מאנטש. הירא, פון ליווערפול — — — — — — — — אין מאנטרעאל
קען. סעיגנאר, פון ליווערפול — — — — — — — — אין מאנטרעאל
ראוט אײלענד, פון גלאזגאו — — — — — — — — אין מאנטרעאל
וויקטאריען, פון ליווערפול — — — — — — — — אין קוויבעק
פארמאניא, פון ליווערפול — — — — — — — — אין ניו־יארק
אקוויטאניא, פון סוט עהמפטאן — — — — — — — אין ניו־יארק
קארמאניא, פון ליווערפול — — — — — — — — — אין ניו־יארק

י חסידישע טאכטער

ן אריגינעלער ראמאן אוים דעם פויליש - חסידיש - אידישען לעבען

ספעציעל געשריבען פאר'ן „אידישען זשורנאל"

פון י. ב—ם

(100־טע פארזעצונג)

ער! איך — ארעסטירט? האט איפגעשריען און זיינע אויגען זיי רלאפען מיט בלוט.

דו הונט איינער, האסט וואגסט יך דער בונטאוושטשיק אין אונזער שטעדטעל. מיר האבען שוין לאנג אוכט דו טייפעל וואס לאזט אונז רוהען, און ביז היינט האבען מיר דיך קיין שפור נים געהאט.

ם איז געווארען צודרייטש ווי א דאס נאכנע בלוט האט אין אויפגעקאכט, הערענדיג אין וואס איז איהם חושד.

ווייל האט ער געדענקט פון בא־ אן אם די חברה און זיי דערשטיקען ט זיינע שטארקע פויסטען. באלד ער האט ער זיין מוטה פארלארען זע־ ענדיג ווי די איבעריגע צוויי שטעהען יים מיט די רעוואלווערן אין די ענט.

ער האט זיך געמאכט מיט, און זיך ארום צולאכט.

וואס! איהר נעהט מיך שיסען? ר גלויבט טאקע אז איך בין א בונ־ טשיק? ניין פאנאווייע. איהר ט נים געטראפען. דער בונטאוושט־ שיק איז שוין לאנג אוועק. ער ארעסטירט, און ביי מיר קענט איהר ר נים געפינען אויסער מיין ווארק־ שטאט.

ג, מאך עס שנעלער, האט דער ער איהם אונטערגעיאגט, מיר האבען נים קיין צייט צו ווארטען, און ייגע טענות וועסטו פארלייגען דארט וואו מען וועט דיך פרעגען.

ט איך טאקע געהן? האט חיים אי־ בערפרעגט אום זיכער צו זיין אז זיי יינען עס ערנסט?

געווים — מיר קימען ניט אהער אום ער שפאסען.

חיים האט אויף זיך גענומען דאס קעל, ארומגעקוקט זיך אין שטוב ווי ער וואלט זיך געזעגענט מיט אלעס וואס ערט געפינט זיך, און גענומען געהן ויס.

די שליסלען גיב אונז א בער, ווייל מיר ווילען א קוק טון וואס דא געפינט זיך... האט איהם דער עלטסטער אויפ־ וואס געמאכט.

וואס! איהר גלויבט אז איהר ט מיך דארט לאנג האלטען? האט חיים דערפיהלט ווי א קאלט געהט איבער יין קערפער.

דאס וועסטו וויסען שפעטער. דערווייל עבער צו וואס מיר הייסען דיך

גו, און וואס וועט זיין מיט די רבייט וואס איך האב, איך מוז דאך ערטיג מאכען די ארבייט.

מאך עס שנעלער, מיר זיינען נים קומען דיר געבען עצות. מיר זיינען קומען נאך דיר, האט איהם דער עלטסטער דערלאנגט א שטופ צום טיר.

חיים האט פארביסען מיט די ציין און שוויגען. ער האט בלויז געבעטען מען זאל איהם ניט פיהרען איבערן מארק, ער דורך א זייטיגער גאס.

וואס, דו שעהמסט דיך, דו הונט, נטעוען געגען אונז שעהמסט דיך ום. אויפרייצען דאס שטעדטעל האס־ ט ניט קיין מורא. באפאלען איציקען גאנטטו, און געהן דורך'ן מארק שעהמס־ דיך.

זיי האבען זעלבסט פארשלאסען די יר. צוגענומען דעם שליסעל, און ווי העלדען וועלכע וואלטען ענטדעקט די גרעסטע פראוואקאציע, אזוי האבען זיי מיט שטאלץ געפיהרט חיים'ן איבערן מארק.

דאס שטעדטעל האט ווי אויפגעציטערט. ווי א פייער וואלט אריכגעכאפט אלע פיער זייטען פון'ם שטעדטעל. אזוי זיינען אלע ארויס געוואהר ווערען די נייעס פאר וואס חיים איז ארעסטירט געווארען.

ביי טאג האט מען אויסגעטראכט פארשיעדענע מעשות וועגען זיין ארעסט. מען האט דאך געמוזט האבען עפעס צו דערצעהלען, — ווען אבער די ארבייטער פון דער פאבריק זיינען אהיים געגאנגען, האבען זיי דערצעהלט די נייעס וואס עס האט פאסירט אין פאבריק, און בלויז שנעל איז די נייעס פארשפרייט געווארען, אז חיים דער שוסטער איז ארעסטירט געווארען ווייל ער האט זיך געשלאגען מיט ר' איטשען.

ר' איטשע זעלבסט, איז געזעסען אין הויז און געשוויגען. ער האט נים געוואלט פארשאפען מעהר קיין שמערצען ביי זיך אין הויז זיין פאמיליע. שיינדעלע אבער האט פארשטאנען אז עפעס האט פאסירט, אז איהר פאטער האט ניט געשוויגען די אלע קלאגען, און זי איז נייגעריג געווען צו וויסען וואס עס איז פארגעקומען.

זי האט דארום אלע ווייל געקוקט צו דער טיר, פיליכט קומט ווער אריין אין הויז, אום זי זאל עפעס געוואהר ווערען, — און ווען זי האט דערזעהן חיה'ן אריינקומען, איז זי גלייך אריין מיט איהר אין צווייטען צימער.

חיים איז ארעסטירט, האט חוה איהר גלייך איינגערוימט א סוד, מען האט איהם היינט דורכגעפיהרט איבערן מארק, און ביז יעצט האט מען ניט געוואוסט פאר וואס עס איז געשעהן.

ווער האט איהם ארעסטירט, האט שיינדעלע געפרעגט.

וואס! דו ווייסט ווער? האט חיה געענטפערט.

פון וואנען זאל איך וויסען?

— מען זאגט אז עפעס האט ער זיך צוקריגט מיט דיין טאטען, און דערפאר האט מען איהם ארעסטירט.

שיינדעלע האט אויפגעציטערט. זיך באהערשט און געשוויגען.

צו דער זעלבער צייט, האט זיך ר' איטשע געווענדעט צו זיין פרוי, גאנץ גלייכגילטיג. ווי קיין זאך וואלט נים פאסירט. ווייסטו וואס מרים, האט ער אנגעפאנגען, מארגען פאהרען מיר תנאים שרייבען מיט שיינדעלען.

מארגען! האט זי איבערגעפרעגט.

יא, איך טעלעגראפיר תיכף אז מיר פאהרען ארויס. זיי זאלען אויך ארויספאהרען. און אויב עס איז א שידוך טא נאך וואס פארשלעפען עס?

מילא אז דו ווילסט, זאל זיין מיט גליק, האט מרים אפגעענטפערט, וועל איך פארפאקען די זאכען, און מיר וועלען פאהרען.

טא געדענק זשע צו באשטעלען שמואל דעם בעל עגלה, הייס איהם מאכען באקוועהם אויף זיין וואגען, און זאג מיר וועמען מען זאל מיט נעהמען אלס מחותנים.

(ווערט פארגעזעצט)

י איינציגע קאמפאניע

וועלכע האט א קאנטאר אין בעסאראביען איז די

גוראפסקי קאמפאניע

דער קאנטאר געפינט זיך אין קעשינעוו אונטער דער ליטונג פונ'ם באריהמטען בעל-סוחר

דוד שיינבערג

מיר זיינען די איינציגע וועלכע קענען ברענגען פאסאזשירען דירעקט פון בעסאראביען און אוקראינא. דער באריהמטער

פראפעסאר גינזבורג

פון רומעניען איז דער הויפט פון גוראפסקיס קאנטאר אין טשערנאוויץ און בוקארעשט, רומעניען

די גוראפסקי קאמפאניע

די איינציגע וועלכע קען ברענגען אייערע פאמיליען דירעקט פון אויבען דערמאהנטע פלעצער. קומט ארוין היינט צו

גוראפסקים

קווין סטריט וועסט

אפיס אפען אין אווענט

אידישע טעכטער שטארבען אויף קדוש השם

די וואגראלישע מעשים פון פעטלוראס קאזאקען האבען זיך נישט נור אבגעשפיעלט אין מזרח גאליציען, וואו עס איז געהויקעט געווארען אויף'ן "פראסקוראווער" אופן.

א מיטארבייטער פון "לעמבערגער טאגבלאט" האט געהאט א געלעגענהייט צו רעדען מיט א איד, וואס איז די בנג צוריקגעקומען פון הרוביעשאווער געגענד, און אט זיינען בקיצור א טייל פון די שרעקליכע מעשים, וואס האבען זיך דארט אבגעשפיעלט אין די קליינע אידישע געמיינדען.

לאשטשאוו, איז א קליין שטעדטעל אין הרוביעשאווער קרייז, אויף יענער זייט פון דער ארגאווער גרעניץ, און האט אן ערך פון 3 טויזענד נפשות.

מיטוואך דעם 1־טען און דאנערשטאג דעם 2־טען סעפטעמבער האבען די פעטלוריצעס אנגעהויבען זייער העלדישקייט אויף די פלייצעס פון דער וועהרלאזער און אומבעהאלפענער אידישער בעפעלקערונג.

צוליעב פארשיעדענע אומבעקאנטע סבות האבען זיין פרייטאג און שבת אבגעשטעלט זייער ארביים, דערפאר האבען אבער די געשעהענישען פון זונטאג דעם 7־טען און מאנטאג דעם 8־טען אנגענומען די פארם פון א פשוטען פאגראם.

95 פראצענט פון דער אידישער בעפעלקערונג איז געווארען אויסגעראבט, עטליכע הונדערט זיינען געווארען אונטערגעהאקט, אפילו אלטע ווייבער און קינדער האט מען געשלאגען מכות רצח.

שווער פארוואונדעט זיינען געווארען העכער 50, עטליכע זיינען דא מיט אבגעהאקטע הענט.

80 פראצענט פון אלע מיידלאך, אנגעהויבען פון 13 יאהר זיינען געווארען געפייניגט. די געשרייען און יללות זיינען געגאנגען ער לב השמים, דאס וויינען פון פרויען און קינדער האט שטיינער געקאנט ניהרען, אבער פעטליוראס קאזאקען האבען מיט א ציניש[ער] גזלנישער גרויזאמקייט פארגעזעצט זייער ארבייט.

דעם בעדערס א טאכטער, א יונג מיידעל, וואס איז איבערפאלען געווארען פון עטליכע קאזאקען, האט זיך געווארפען מיט א העלדישקייט פון אן אמ'ת'ע אידישע טאכטער. ווען זי איז געשטעלט געווארען פאר דער ברירה אדער דערשאסען צו ווערען, אדער ווערען געפייניגט, האט זי זיך ליעבער געלאזט דערשיסען אבי ניט צו אפפערען איהר צניעות.

אויך דעם רב'ס־יונגע מיידעל פערעלע איז איבערפאלען געווארען פון מעהרערע קאזאקען. זי איז אנטלאפען אויף דעם בוידעם און זעהענדיג אז אט אט ווערט זי פון די רוצחים געכאפט, האט זי זיך ליעבער אראפגעווארפען פון דאך און געבליבען אזוי ליגען א קאליקע מיט צובראכענע הענד און פיס.

דעם לעצטען פרייטאג זיינען געקומען אין שטעדטעל פעטליוראס אפיצירען און האבען פערלאנגט פון קהל א בעשטעטיגונג אז די באלשעוויקעס און נים די אוקראינער האבען געמאכט דעם שרעקליכען פאגראם. דער אינפארמאטאר פון "טאגבלאט" וואס איז דערביי געווען, זאגט די פארשטעהער פון קהל אבגעראטען אזא בעשטעטיגונג אונטער צו[illegible]. אזוי ווי ער איז אבער פרייטאג פון דארט אבגעפאהרען, ווייסט ער נישט צו די בעשטעטיגונג איז געגעבען געווארען צו נישט.

דאס שטעדטעל לאשטשאוו לעבט דערווייל אין שרעקליכע נויט און קען נאך די פאגראם טעג נישט צו זיך קומען.

א חויז די מאראלישע שמערצען און פיזישע וועהטאגען זיינען אלע אידען געבליבען אהן א העמד און אהן א שטיקעל ברויט.

אויך אין דער אומגעבונג פון לאשטשאוו און אורנאוו זיינען געשעהען שרעקליכע מעשים. אין א דארף צווישען לאשטשאוו און אורנאוו האבען די קאזאקען ארויסגעריסען ביי א אידישער פרוי דאס קינד פון די הענט און עס אזוי לאנג געשליידערט צו דער ערד, ביז עס איז געבליבען טויט ליגען פאר דער מוטערס אויגען. די מערדער האבען אבער דערמיט נאך ניט געשטילט זייער בלוט דורשטיגקייט און האבען דער מוטער געשלאגען אזוי לאנג, ביז זי איז בעוואוסטלאז אנידערגעפאלען. די קאזאקען מיינענדיג אז די פרוי איז שוין טויט, האבען אבגעטראטען.

אין אורנאוו האט מען דעם דאנערשטאג געטראפען ליגען נישט ווייט פון דער שטאדט צעשלאגען דעם הויגען איינוואוינער הלל פישער, דער מארד איז בעגאנגען געווארען צוליעב רויבערישע צוועקען. ער איז ניט געווען רייך, האט ביי זיך קיין געלד ניט געהאט און איז ערשט 10 אזייגער אין דער פריה אוועקגעגאנגען פון דער היים.

דר. ס. פערלמאן

דענטיסט

34 באטהורסט סטריט

טעלעפאן קאלעדזש 6720

נים אבטוישען אויף דער גרינער עלעקטרישער שילד.

ברידזש ארבייט צו מעסיגע פרייזען.

אפען אין אווענט.

דר. ס. פיזוניק

דענטיסט.

עקספערט אין עקסטראקשאן פון ציינער

קאר. קווין און ספעדינע עוו. רום 2

טעלעפאן אדעלייד 4067

טעלעפאן אדעלייד 8115

דר. מ. קייס

דענטיסט

218 קווין וועסט

(קאר. מיכאל סטריט.)

טאראנטא.

דר. כ. לאנדוי

דענטיסט

אפיס

דאנדעס קאר. ספעדינע

קאלעדזש 6073

דר. סינגעל

דענטיסט

425 בלור סט. וועסט

קארנער ראבערט סטריט

טעלעפאן קאלעדזש 2820

מען דארף נים קיין אייז.

MAZOLA

קאן שטעהען אייביג אין אלע טעמפעראטורען.

געזונטע, צופרידענע באיס און מיידלאך

איז אייער קינד געזונט? האט ער אדער זי די נארמאלע וואג, גוטען קאפ, ליכט מיט געזונט רויטע, רייכע בלוט צו נעהרען דעם וואקסענדען קערפערל?

פאר קינדער וועלכע זענען אבגעצעהרט, בלאס, בלוטלאז, אונטער וואג, נערוועז און אנרוהיג, איז דר. טשייס'עס נערווע־פוד פון גרעסטען נוצען וואס מען קען זיך נאר פארשטעלען.

וויגענדיג מילד און צארט אין דער ארבייט און דאך וואונדערליך ווירקזאם אלס אויפבויאונגס־מיטעל מאכט עם גלייך די בלוט רייך און שטארקט די אפגעשוואכטע נערוועז.

50 סענט א באקס, 6 פאר $2.75 ביי אלע דיעלערס, אדער, עדמאנסאן, בייטס און קא. לימיטעד, טאראנטא.

Dr. Chase's Nerve Food

צו פערענטען

א שעהנע פורנישט רום צו פארענטען, פאסענד פאר איינעם אדער צוויי יונגע לייט. נאכפרעגען 326 יוראן סטריט, קאל. 1889.

צו פארדענטען א פלעט פון פיער רומס, אלע קאנוויניענס. נאכפרעגען 159 יוראן סטריט. 709—11—22

א פלעט פון דריי רומס צו פארענטען 83 לעאנארד עוועניו. 703—11—25

צו פארענטען א פלעט פון דריי רומס אלע קאנוויניענס אויך א טעלעפאן. נאכפרעגען 214 פאלמערסטאן עוועניו. 721—11—22

א פלעט צו פארענטען פון 3 רומס עלעקטריק, סעפערעט גאז, פארנעס, הייסע וואסער, ביליג רענט, א קאפעל אדער ערוואקסענע מענשען זאלען זיך ווענדען 79 סט. פעטריק סטריט. 720—11—22

צו פארדינגען א פארנישט רום אין אן אנשטענדיגער היים קאן זיין גוט פאר צוויי פריינד. טעלעפאן אין אלע באקוועמליכקייטען. 42 בראנזוויק עוו. נעבען קאלעדזש סטריט. 13717—11—22)

א פלעט פון 3 רומס צו פארענטען, סעפערעט מיטער אין א סינק אין קיטשען, און אלע אנדערע קאנוויניענס. נאכפרעגען 173 באלדווין סטריט.

צו פארענטען א הויז פאר 30 דאלאר. איין מאנאט 8 רומס מיט אלע קאנוויניענס, גרויסער יארד און סטייבלעס. פאסיג פאר א פעדלער. קען גלייך אריינמופען. הויז אין 149 נאיאגרא סטריט. פרעגען 102 ד'ארסי סט. טעלעפאן קאלעדזש W 4949.
13729—11—22

צו פארענטען א פלעט פון 3 אדער 4 רומס, ניי דעקארייטעט און אלע קאנוויניענס. 26 קעמעראן סטריט.
13732—11—23)

צו פארדינגען א פלעט פון 4 רומס, אלע באקוועמליכקייטען, ניי דעקארייטעט נאכפרעגען 103½ בארדען סטריט.
13731—11—23)

צו פארדינגען א פלעט פון 3 רומס, עלעקטריק, גאז, סינק אין קיך. נאכפרעגען 24 דעניסאן סקווער.
13730—11—24)

אהבייטער פערלאנגט

א מאנופעקטשורער פון קלאוקס און סוטס וואס דארף האבען אן עקספיריענסד פארמאן קען יעצט קריגען דעם ריכטיגען פערזאן. נאכפרעגען מר. ווארלאוויץ 127 יוקליד עוועניו. 13727—11—26

א ניו־יארקער יונגערמאן האט 6 יאהר עקספיריענסד ביי העמדער, קאלערס און קאטער, פארלאנגט ארבייט ביי דער טרייד אדער אנדערע ארבייט. נאכפרעגען „אידישער זשורנאל" באקס 905. 13690—11—22

אן עלטערע פרוי איז וויליג צו נעהן אלס ווארטס פרוי, נאכפרעגען 22 סאהא סטריט

די פיימאס קלאוק קאמפאניע פערלאנגט אפערייטארס פאר קאוטס אדער סוטס. נאכפרעגען 108 וועלינגטאן וועסט. פרעגט פאר מר. ווייסמאן. 992—11—22

אן ערשטען קלאס סאמפעל מאכער פערלאנגט. דזשאסטרייט גארמענט 221 ריטשמאנד וועסט. 997—11—22

פערזענליכעס.

א מאנטרעאלער שטומער באי ווינשט צו שליסען באקאנטשאפט מיט מיט ענגליש. נאכצופרעגען דאקטאר טונא 339 קווין סטריט וועסט.
993—11—22

אן ערפאהרענער בוקקיפער זוכט א שטענדיגע פאזישאן אדער שטונדען וועט אויך אננעהמען אלס קאלעקטאר, רעפערענסעס, און אויב נוטיג אויך סעקיורעטי. ווענדעט זיך אין זשורנאל באקס 908, אדער טעלעפאנירט קאל. 8134. 13728—12—8

פארהיט אייערע אויגען

אין די קאלטע ווינטער וועט איהר וועלען זיצען אין הויז, דערפאר דארפט איהר אייך פארזארגען מיט באקוועמע אויגען גלעזער צום לעזען. אויגען ווערען זעהר פארזיכטיג עקזאמינירט, און גלעזער ווערען פארקויפט פאר זעהר מעסיגע פרייזען. גלעזער צום לעזען פון $3.50 און העכער. פאטראניזירט דעם איינציגען אידישען אדווערטייזטען אפטאמעטריסט אין שטאדט.

Dr. LOUIS WINKLER
Registered Optometrist and Optician
390½ Yonge St. Ad. 5671
With N. Jacobs' Jewelers

ביזנעס קויפען און צו פערקויפען

צו פארקויפען א קיידעס טוילארינג 4 מאשינען און מאטארס. איין קאמפליט שאפ. גוט פאר מענער ארבייט. מוז גלייך פארקויפט ווערען. אורזאכע אנדערע ביזנעס. 395 ראנסענסוואיל עוועניו. 13659—11—22)

$5000 א גוטע הויז, אין גרענדוש עוועניו, כמעט ניי, בריק, 8רומס, אלע קאנוויניענס, עלעקטריק. נאכפרעגען עדמאנד לעפינורע 152 בעי סטריט רום 101 3695—11—24.

צו פארקויפען א האמילטאן שניידער פרעס מאשין. עס מוז שנעל פארקויפט ווערען. זעהר ביליג. נאכפרעגען סטראום 276 מארקהעם סטריט. טעלעפאן קאלעדזש 8535. 726—11—23

ספעציעל פאר פרויען.

איהר באקומט צו קויפען נייע שייטלען ווי אויך צו פיקסען אלטע אין האר ארבייט. אויך מאך איך א ספעציעלען באריין היינטיגען מאנאט אין פליכטען. וועלכע האבען אויסגעקעמטע האר, מאך איך פון זיי פליכטען. יומאן הער שאפ, 153 דאנדעס וועסט. 1010—12—21

צו פארקויפען א גוט איינגעטרייטע מענס פארניטשינג סטאר מיט סטים היטינג און קיינע פיקטשורס, 80 מייל פון טאראנטא, מיז האבען דריי ביז פיער טויזענד דאלאר קעש. נאכפרעגען באקס 908, אידישער זשורנאל. 705—11—22

איבערצוגעבען א ליעס אויף א סטאר, מיר מוזען עס איבערגעבען פאר'ן ערשטען. נאכפרעגען 395 ראנסעסוואלס עוועניו. 3733—11—28)

צו די שניידער ברידער!

מיר פארקויפען שניידער טרימינגס ביליגער, ווי איבעראל און איהר אלע שניידער זאלט דא געדענקען און קויפען אייערע טרימינגס אין א פלאץ, וואו איהר וועט שפארען געלט און ווערען ריכטיג באהאנדעלט. אויך קויפען מיר אן טרימינגס פון אייך. ווען איהר האט וואס צו פארקויפען און אלעס, וואס איהר דארפט, איז אונז צו טעלעפאנירען און מיר וועלען שוין צו דעם אטענדען. פארסעלס העכער פון $3 דעליווערען מיר צו אייך, עס מאכט נים אוים וואו דאס איז. ארדערס אויסער טאראנטא שיקען מיר צו אייך צו יעדער צייט ביק און קא. 279 קווין סט. וועסט. טעלעפאן אדעלייד 1493 אדער קאלעדזש 8110.
905—12—5

חתן כלה

זאלען דאס נעהמען אין אכט!

מעריעדזש לייסענס

קאן מען קריגען
אין אפיס פון

אידישען זשורנאל

אפיס פון דעם זשורנאל
251—253 קווין וו.

בלוין חזן וולאדאווסקי



איז אנשטענדיג, ריין און פראקטיש

אלם מוהל

אלע עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט ווייל דאס איז אין זייער אייגענעם בענעפיט.
קאנטרי לייט קענען מיר אויך רופען צו זייערע שמחות.
וואהנונג 62 בראנזוויק עוועניו און טעלעפאן קאלעדזש 1979.

ביזנעס שאנסען

טעלעפאנירט אדעלייד 163 פאר מעסענדזשער.

אלע סארטען שערען געשארפט און געשליפען פון 10 סענט און העכער. אלע סארטען רייזערס, בלייידס געשארפט. אויך די נעוועהנליכע רייזערס געשארפט און געשליפען און ארויסגעשטעלט נייע הענטלאך צו רייזערס.

מיר קומען נאך דער ארבייט.

די אלבערט שארפער רייזער

180 באטהורסט סט. טאראנטא אנט.

רופינג, וויליאם סאלמער, 152 בעי סטריט. אדעלייד 1098, דזשעראררד 496. 855—11—28)

הויז רעפער קא. לימיטעד.
152—4 בעי סטריט.

מיר קוקען איבער און פאררעכטען אלעס רופינגס און בילדינגס פון קעלער ביז דאך.

טעלעפאן אדעלייד 1098.
855—11—28)

פייפערהענגינג און פיינטינג.

דער אלטער באקאנטער פייפערהענגער און פיינטער פייפערט מיט די שעהנסטע פייפער און די בעסטע פיינט. סעם קיימס, 166 אסינגטאן עוועניו. טעלעפאן פארקדייל 3394.
3340—12—1

מיר רייפיירען אלע סארטען סטאוום. און קלינען פארניסעס צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען אייער אלטען סטאוו אויסקוקען ווי ניי. 80 דזשעראררד סט. וועסט. טעלעפאן אדעלייד W 5198
13505—12—1

דעכער פיקסען.

מיר מאכען נייע גרעוועל דעכער און פיקסען אלטע, מיר מאכען פארשידענע פורנים ארבייט. גוטע באהאנדלונג גלייך אטענדעט. אלע ארבייטען גאראנטירט און צו די ביליגסטע פרייזען. אימפיריאל רופינג און טינסמיטינג קא. 95 עלם סטריט. טעלעפאן אדעלייד 7631.
13418—11—24

האפמאן פייפערהענגער

פיינט און פייפערט צו די ווינטער פרייזען, 1 אלסטער סטריט, טעלעפאן קאלעדזש 3023.
3591—12—10)

פלאמבינג און היטינג קאמפאניע קאמ.

מיר מאכען נייע און פיקסען אלטע פלאמבינג. שנעלע באהאנדלונג. צופרידענהייט גאראנטירט.

234 קווין סטריט וועסט. קאל. 2784.
711—12—18

קאהען און קאהען

באריסטער'ס און נאטאריס פאבליק
א. א. וו.
קאן לייף בילדינג
60 וויקטאריא סטריט.
מעין 2684.
אברהם קאהען הילקרעסט 4855 W
סעמיועל קאהען דזשאנקשאן 2619.

אויפמערקזאם

מיר מאכען דעכער און מיר פיקסען אלטע. אויך מאכען מיר רינוועס און אלע בלעכער ארבייט. אויך שטעלען מיר אריין נייע פארניסעס און פיקסען אלטע. נאכפרעגען ד. ליען 1072 קווין סטריט וועסט. טעלעפאן פארקדייל 6076.

סיטי דריי ווארק

349—351 קאלעדזש סטריט.

מיר נעהמען אן ארבייט צו קלינען, פארבען און פרעסען. אונזער טראק וועט קומען צו אייך ווען איהר וועט אונז טעלעפאנירען.

מיר נעהמען צו און דעליווערען ארדערס. טעלעפאנירט קאלעדזש 2628.

א הוסט איז א סימן פון קומענדער ערנסטער געפאהר באפרייט זיך פון דעם גלייך מיט א באטל פון "דר. טייס קאף באלזאם". קיין אנדער מעדיקאמענט גלייכט זיך צו דעם, אבסאלוט גאראנטירט. פרייז 35 סענט. צו באקומען בלויז ביי

Claude J Hallorao
דראגיסט.
202 Dundas W. Cor. Centre Av.
טעלעפאן אדעלייד 1281

הארדוואוד פלארס

קליר אק פאר 35 סענט א סקוועהר פוט, אנדערע־גריידס פאר 28 סענט, געלעגט און געפינישט קאמפליט. לערד 1 קין סטריט טעלעפאן דזשעראררד 6029.
570—12—8

דער עלצטער קענעדער אוניווערזיטעט

דער מעקגיל אוניווערזיטעט פון מאנטרעאל איז געוועזען דער ערשטער בילדונגס-אנשטאלט פון דעם מין.

עס געפינען זיך יעצט א גאנצע רייהע פון אוניווערזיטעטען אין קענעדע. איבער דער גאנצער לענג און ברייט פון דער דאמיניאן זיינען פארשפרייט א נעץ פון העכערע בילדונגס אנשטאלטען וועלכע פארנעהמען זיך מיט ליטעראטור, וויסענשאפט און אז ווייטער. אנדערש איז דאס אבער געוועזען מיט הונדערט יאהר צוריק. ווען עס האבען זיך געפונען זעהר ווייניג בילדונגס אנשטאלטען פון דעם מין.

דער ערשטער קענעדער אוניווערזיטעט איז דער מעקגיל אוניווערזיטעט, פון מאנטרעאל, קוויבעק. דאס איז דער איינציגער ענגליש שפרעכענדער אוניווערזיטעט אין דער פראווינץ ווייל אין אלע קוויבעקער קאלעדזשעס ווערט אויסשליסליך געלערענט אין פראנצויזיש.

צום סוף פון דעם אכצעהנטען יאהרהונדערט, נאך דעם אמעריקאנער רעוואלוציאנס קריעג, האבען די אמעריקאנער קאלאניסטען וועלכע זיינען געבליבען טריי צו ענגלאנד ניט געוואלט מעהר בלייבען אין אמעריקא און האבען באשלאסען אויסצואוואנדערען נאך קענעדע. די דאזיגע ענגלישע פאטריאטען, באקאנט אין דער געשיכטע אלס די "יונייטעד עמפייר לאיעליסטס" האבען זיך באזעצט אין אנטעריא און אין קוויבעק, און אין אנדערע געגענדען וואו זיי האבען פארגעזעצט צו פיהרען דעם לעבען צו וועלכען זיי זיינען געוואוינט געוועזען אין די פאראייניגטע שטאאטען. און עס איז א דאנק דער טעטיגקייט פון די "יונייטעד עמפייר לאיעליסטס" אין קוויבעק, וואס עס איז געלעגט געווארען דער פונדאמענט פאר דעם מעקגיל אוניווערזיטעט.

דער עלצטער אוניווערזיטעט אין קענעדע איז געגרינדעט געווארען מיט'ן געלד וואס דזשיימס מעקגיל, א מאנטרעאלער סוחר, האט בייגעשטייערט צוליעב דעם צוועק. דערפאר, טאקע, איז דער אוניווערזיטעט געוועזען און געבליבען פריי פון דעם איינפלוס פון דער קירכע, און האט זיך גלייך געקאנט פארנעהמען מיט שטיצען און פארשפרייטען די וויסענשאפטען.

דער מעדיצינישער פאקולטעט איז דער עלצטער אין דער אוניווערזיטעט און די ערשטע דיפלאמע וואס איז ארויסגעגעבען געווארען איז געוועזן א דיפלאמע אין מעדיצין.

אין דעם פאל, האט די אוניווערזיטעט נאכגעפאלגט דעם ביישפיעל פון די איטאליענישע אוניווערזיטעטען, וואו עס ווערט געשטרעבט צו צוגרייטען דעם סטודענט פאר א באשטימטען אין פראקטישען קורס אין שפעטערדיגען לעבען. אין דעם אונטערשיידעט זיך דער מעקגילער אוניווערזיטעט פון די ענגלישע און פראנצויזישע אוניווערזיטעטען, וואו מען זוכט צו געבען דעם סטודענט אן אלגעמיינע בילדונג און מען לעגט ווייניגער געוויכט אויף די פאדערונגען פון פראקטישען לעבען.

די דאזיגע שטעלונג רופט זיך, נאטירליך, אפ אויף די למודים און אויף דעם באשטימטען קלאס סטודענטען וועלכער באזוכט דעם אוניווערזיטעט. לויט דעם באריכט וואס איז פון אוניווערזיטעט ארויסגעגעבען געווארען, איז צו זעהן דאס בלויז איין פינפטעל פון דער גאנצער צאהל שילער וואס לערנען דארטען, פארנעהמען זיך מיט "ארטס", וועהרענד דער גרעסטער צאהל סטודענטען געהען אויף פראקטישע קורסען ווי: מעדיצין, אינזשענירינג און דאס גלייכען. ווידער, פון די 110 פראפעסארען אין אוניווערזיטעט, זיינען בלויז 6 פארנומען מיט דעם לערנען פון טויטע שפראכען (ווי לאטיין, גריכיש, העברעאיש א. ד. ג.) און די גרעסטע מאיאריטעט פארנעהמט זיך כמעט אהן אויסנאהם מיט פראקטישע געגענשטאנדען.

די אורזאכע פאר דער פראקטישער טענדענץ פון אוניווערזיטעט נעהמט זיך הויפטזעכליך דערפון וואס ער איז אימער געשטיצט געווארען פון סוחרים און באנקירען, וועלכע זיינען זעהר פראקטישע מענשען און זיינען דעריבער שטארק פאראינטערעסירט אז זייערע בוישטייערונגען זאלען געהן פאר עפעס א פראקטישען צוועק.

א צווייטע אורזאכע איז דאס וואס קענעדע איז נאך גאר א יונג לאנד וואו עס פאדערט זיך זעהר פיעל פראקטישע ארבייט און דער מעקגיל אוניווערזיטעט, פארשטעהענדיג פאלקאם די אומשטענדען פון לאנד, זוכט זיך צוצופאסען צו איהרע באדערפענישען. טאקע דערפאר איז עס סער ארטור קארי, דער גענעראל פון דער קענעדער ארמיי, באשטימט געווארען אלס דער פרינציפאל פון דעם דירעקטאראט, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס ער האט כמעט גארניט אויפגעטון אויף דעם אקאדעמישען געביט. ער האט א נאמען אלס א פעהיגער פארוואלטער און דעריבער בעזיצט ער אלעס וואס איז נויטיג אויף צו פארוואלטען א גרויסען אוניווערזיטעט אין דער קאמערציעלער הויפט שטאדט פון א דעמאקראטיש לאנד.

עס וואלט גענומען צו לאנג צו באשרייבען יעדע געביידע פון אוניווערזיטעט באזונדער. עס איז אבער אינטערעסאנט צו וויסען דאס די מעקגיל אוניווערזיטעט מאכט אלע אנשטרענגונגען צו ענטוויקלען מעדיצין און וויסענשאפט, אויך דאס אין איהר פארלאנג צו דינען א פראקטישען נוצען באשרענקט זי זיך ניט און די ראמקעס פון אקאדעמישער בילדונג, גאר עפענט אויף ברייט איהרע טירען צו די מאסען. עס איז א פאקט דאס דער אוניווערזיטעט האט אונטער קורסען וועלכע זיינען אפען פארן פובליקום און וואו קיין עקזאמענס ווערען ניט געפאדערט. די פראגראם פון די קורסען נעהמט אריין: ענגליש, פראנצויזיש, שפאניש, ליטעראטור, פאליטישע עקאנאמיע, געשעפטס קארעספאנדענץ, "אקאונטענס" און אנדערע געגענשטענדע פון אן אלגעמיינעם פראקטישען ווערט.

באטש דער דאזיגער אוניווערזיטעט איז דער עלטסטער, איז ער אבער אויך איינער פון די מאדערנסטע, און כמעט אלע קענעדער אוניווערזיטעטען פון דער וועסט האבען נאכגעפאלגט זיין ביישפיעל און זיך געפיהרט לויט מעק'גילס מעטאדען.

אום צו פארגרעסערען דעם אוניווערזיטעט ווערט אין מאנטרעאל יעצט אנגעפיהרט א פינף מיליאן דאלארדיגער קאמפיין פאר דעם צוועק. דאס גלויבט מען וועט מאכען מעגליך מען זאל די ארבייט אנפיהרען אויף א ברייטערען און ווירקזאמערען אופן ווי מען האט עס געטון ביז היינט צו טאג.

מוטער פון 9 קינדער געטויט

וויניפעג נאוועמבער 20.

מיסעס י. קארדינאל, א מוטער פון 9 קינדער איז צושלאגען געווארען פון א שטוים פון אן אויטאמאביל, און שפעטער איז זי געשטארבען אין האספיטאל.

9 מענשען פארברענט

ניו יארק נאוועמבער 20

אין א פייער וואס האט אויסגעבראכען אין א טענעמענט הויז אין 146-טע סטריט זיינען פארברענט געווארען 9 מענשען. צווישען זיי זיינען געוועזען דריי קליינע קינדער. אלע פארברענטע זיינען געוועזען פון די וואס האבען געוואוינט אויפ'ן פינפטען שטאק. זייערע קערפערס זיינען פארברענט געווארען אויף אש. עס איז אונמעגליך צו דערקענען ווער זיי זיינען.

די פייערלייט האבען מיט גרויס סכנות נפשות ארויסגעראטעוועט 16 מענשען וואס זיינען פארכאפט געווארען אין א פאסטקע אויף איינעם פון די פייער עסקייפס.

אויף אזעלכע זאכען
איז פאראן געלט.

עס איז ארויסגעגעבען געווארען א רעפארט אז די פריהלינג "רייסעס" ווען עס זיינען געלאפען די ליבלינגס פערדלאך, האט דער אנטאריא דזשאקי קלוב געהאט אן איינקאהמע פון קנאפע פיער מיט א האלבען מיליאן דאלאר.

פרויען וואמפירען האבען שוין אויך א מיסיאן אין לעבען

פון א. זמן

— זאגט א פרוי, אז זי איז א פלוירט, אדער א "וועמפ", און זי וועט מיט דעם זיך געפינען באליידיגט. מענער הערען אויך מיט פאראכטונג פון פלוירטס און "וועמפס". די געזעלשאפטליכע מיינונג איז געגען פלוירטעריי און וועמפעריי אלס שעדליכע און דעגענערירענדע "פראפעסיע".

אונשולדיגע פלוירטעריי קאן מען נאך ענטשולדיגען, אבער פלוירטעריי אדער "וועמפען" מיט א צוועק ווערט פאראכטעט פון יעדען איינעם. אפילו די פראפעסיאנעלע פלוירטס און וועמפס שעהמען זיך צו צוגעבען, אז זיי זיינען דאס.

א פראפעסיאנעלע "וועמפ" איז געוועהנליך א קאלטע און הארצלאזע באשעפעניש, וועמען די נאטור האט געבענשט, אדער פארשאלטען מיט קערפערליכען רייץ און מיט בלויז גענוג פארשטאנד אויסצונוצען איהר רייץ פאר איהר בענעפיט און דעם צווייטענ'ס שאדען.

"וועמפס" ווערען פארגליכען מיט יענער סארט שלאנג, אין וועמענס אויגען עס ברענט א רייצענדער פייער און דיזער רייץ איז דער שלאנג'ס מעכטיגע וואפע אין איהר קאמף אומ'ס דאזיין. מיט דעם רייץ פון איהרע אויגען פארכישופט זי איהרע קרבנות און פארצעהרט זיי דאן. א באזונדער ווירקונג האט דער אויגען רייץ פון דיזער סארט שלאנג אויף דעם "ער" פון די פייגעל.

קאן מען פארטיידיגען און גערעכטפערטיגען די טעטיגקייט פון דער גענאנטער רייצענדער שלאנג? געוויס ניט. מען קאן פארטיידיגען די אויסגעלאסענע פרויען אלס קרבנות פון אומשטענדען. מען קאן אונטער געוויסע אומשטענדען פארצייהען און ענטשולדיגען א רויבער, א גנב, אדער אן אנדער סארט פארברעכער, אבער בשום אופן ניט ציעל - באוואוסטע מענשליכע וואמפירען.

אבער מיר לעבען איצט אין א צייט, ווען די גרעסטע אונזינס און געמיינהייטען האבען זייערע פארטיידיגער. און אויך די ווייבליכע וואמפירען האבען געפונען א פארטיידיגער און א גאנץ שטארקען און טאקע איינע, וועלכע איז אליין א וואמפיער.

ניט לאנג צוריק איז ערשיענען א ביכעל אונטער דעם נאמען "די מיסיאן פון ווייבליכע פלוירטס און וואמפירען". די פארפאסערין רופט זיך ראזעלין. אין דעם ביכעל באמיהט זיך די פארפאסערין צו געבען א "פילאזאפישע" באגרינדונג, א "וויסענשאפטליכע" גערעכטפערטיגונג און א הויך פאעטישען אינהאלט דער פראפעסיאן פון פלוירטען און וואמפירעריי. דער ביכעל ענטהאלט יעדענפאלס גענוג אינטערעסאנטעס און פיקאנטעס און ס'איז ווערט, אז אונזערע לעזערינס זאלען וויסען דעם אינהאלט. אבער צו ערשט איז נויטיג צו האבען א ריכטיגען באגריף וואס אזוינס עס איז באמת א וואמפיער.

צווישען די סלאווישע פעלקער איז שטארק פארשפרייט דער אבערגלויבען, אז די טויטע, וואס האבען שטארק געזינדיגט ביים לעבען, קאנען אפילו אין גיהנום ניט אריין. בייינאכט פארלאזען דיזע זינדיגע נשמות זייערע קברים און געהען צוריק אין מענשען וועלט. זיי באפאלען די שלאפענדע מענשען און זויגען אזוי לאנג זייער בלוט, ביז די זויגען אזוי לאנג זייער בלוט, ביז די שלאפענדע שטארבען. די קרבנות ווערען דאן אליין אויך וואמפירען.

מיט דעם ווארט "וואמפיער" ווערען באצייכענט אלע צוויי אדער פיער פיסיגע באשעפענישען, וועלכע לעבען פון פרעמדען שווייס, בלוט און עהרע. א קאדעט, א פראצענטניק, אן עקספלאטאטאר און ד. ג. ווערען גערופען וואמפירען.

יעדעס פאלק, יעדע גרופע, פארטיי, אדער אינסטיטוציע האט זיך איהרע וואמפירען. פארשטעהט זיך, אז ביי די פרויען פעהלען אויך קיין וואמפירען ניט. דער אונטערשיעד איז נאר וואס די ווייבליכע וואמפירען זיינען אפט געפעהרליכער און שרעקליכער ווי אלע אנדערע סארטען וואמפירען.

די וואפען, מיט וועלכע די פרויען וואמפירען באפאלען זייערע קרבנות, זיינען כמעט די זעלבע, וואס ביי דער פריהער דערמאנטער שלאנג.

שעהנע, גראציעזע פיגורען, אויגען פול מיט ווילדען רייץ און ליידענשאפט, עלאסטישע באוועגונגען, מיט איהר באצויבערענדען קוק פאנגט די פרויען וואמפיער די הערצער פון די מענער. שוואכקייטען זיי קאנען צו נוץ.

מיט פאלשע ליעבע בינדען זיי די מענער צו זיך, מיט פייערדיגע קושען פאר'שכור'ן און פארגיפטען זיי די מענער, און האבענדיג דעם מאן אונטער איהר פאלשטענדיגען קאנטראל, טוט זי מיט איהם וואס איהר הארצלאזע הארץ גלוסט. זי האלט איהם אזוי לאנג, ווי ער האט געלט גענוג צו געבען איהר אלע סארטען וואהלזיניגע פארגעניגענס. און דאן ווארפט זי איהם אוועק, ווי די שאלעכץ פון אן איי.

טויזענטער שעהנע פאמיליען - לעבענס זיינען דורך דיזע וואמפירען רואינירט געווארען. פיעלע פרידליכע היימען זיינען צובראכען געווארען. פון פיעלע פרויען זיינען מענער און פון קינדער זייערע פאטערס גערויבט. פיעלע עהרליכע מענער זיינען דורך די וואמפירען שווינדלער, גנבים און שכורים געווארען, און מאנכע האבען זייערע קאריערעס אויף דעם עלעקטריק טשער געענדיגט.

אט דאס איז די ווייבליכע וואמפיר און איהר טעטיגקייט אין דער ווירקליכקייט. גאנץ אנדערש אבער ערשיינט זי אין ראזעלינ'ס ביכעל.

"דער געשריי געגען אונז, וואמפירען און פלוירטס — שרייבט די פארפאסערין — איז ניט מעהר ווי א קליינבירגערליכע היפאקריטסטווא. די מענער און פרויען, וואס שרייען און קעמפען קעגען אונז, זיינען באוואוסטע אדער אונבאוואוסטע ליגנער.

דער אמת איז, אז די מענער ליעבען אונז און די פרויען האסען אונז בלויז דערפאר, וואס זיי אליין באזיצען ניט די קונסט צו זיין דאס, וואס זיי שרייען, אז מיר זיינען. יעדע פרוי וויל זיין א וואמפיר, א פלוירט, אבער ניט אלע האט די נאטור באגאבט מיט די מיטלען, וואס זיינען נויטיג צו זיין ערפאלגרייך אלס פלוירט און וואמפיר.

מיר באלאנגען ניט צו די לעגיאנען פון שאנדע. מיר זיינען די געוועהלטע פון דעם גאט פון ליעבע, רייץ און שעהנקייט. אונזער מיסיאן איז אויפצוהאלטען די פאעזיע פון לעבען. מיר זיינען די לייכטענדע מעטעארען אויף דעם לאנגווייליגען הייראטס - הימעל ... ליעבע איז אונזער העכסטער אידעאל.

מיט אונזער קוק פארוואונדען מיר די הערצער פון די מענער, און מיט אונזערע ליפען היילען מיר זייערע וואונדען. דער קוק פון אונזערע אויגען, די עלאסטישע באוועגונג און דופט פון אונזערע פרישע קערפער, ווארפט די מענער אריין אין א הייליגען פיבער. ס'איז דער גרעסטער נשמה'דיגער נחת פאר די מענער זיך צו געפינען אין דיזען פיבער, ווערען פארוואונדעט און געהיילט פון און דורך ליעבע . . .

איך טראג שטאלץ דעם פארוואורף, אז איך בין א פלוירט, א וואמפיר. דאס איז פאר מיר אן אטעסטאט, אז די נאטור האט מיר געשאנקען איהרע שענסטע מתנות.

דאס מיינט, אז איך האב רייץ, אנציהונג, וואס גיט מיר די מאכט צו הערשען איבער דעם שטארקען געשלעכט. דאס מיינט, אז איך בין אינטערעסאנטער פאר די מענער ווי זייערע הויז - פרויען. הויז - פרויען קאנען בלויז שפייזען די מענער'ס מאגענס מיר אבער שפייזען זייערע דורשטענדע נשמות מיט ליעבע . . .

צו זיין א וואמפיר מיינט צו זיין קלוגער ווי די קלוגסטע, און כיטרער, ווי די פוקסען. כדי צו קאנען פאנגען יעדען סארט מאן, מוזען מיר באזיצען די פיינסטע סאטירע, זיין וויציג, טיעפזיניג, אלזייטיג געלעזען, באלעהרענד און באהאוונט אין דער ליטעראטור, קונסט וויסענשאפט און טאגעס - פראגען. מיר מוזען וויסען פון יעדען סארט ספארטעריי, זיין גוטע מענשענקענער און שטענדיג זיך היטען ניט צו ווערען א קרבן פון דעם מאן.

צום שלוס זאגט די פארפאסערין:

"אפט טראכט איך אז מיר פלוירטס און וועמפס, זיינען געשיקט געווארען אלס די שליחים פון די געטינען צו נעהמען ראכע פון די מענער, ווייל זיי האבען יאהר - טויזענטער פארשקלאפט אונזער געשלעכט און אונז ניט געלאזט ווערען גלייך מיט זיי".

שעהן, הארציג, און פאעטיש ווי עס קלינגט דער פארפאסערינ'ס גערעכטפערטיגונג פון די ווייבליכע וואמפירען, פיהלט זיך אבער, אז זי אליין איז אויך ניט גאנץ פעסט צי איהר גערעכטפערטיגונג איז א גערעכטע, און ווי מען קען זעהן, פון דער לעצטער ציטאטע, זוכט זי אן ענטשולדיגונג פאר איהר שטאנדפונקט.

איינס מוז צוגעגעבען ווערען, אז גאנץ אפט איז עס דעם מאנ'ס לייכטזין און שוואכקייט, וואס גיט דעם כח די ווייבליכע וואמפירען צו הערשען און רואינירען זיי.

די פרויען וואמפירען זיינען אזוי אלט ווי די מענליכע שוואכקייט, און זיי וועלען לעבען און הערשען אזוי לאנג ווי דער מאן וועט זיין לייכטזיניג . . .

מר. לאנדמאנ'ס אודיענץ ביים יוגא-סלאווישען אויסערן-מיניסטער טרומביטש

דער קארלסבאדער קארעספאנדענט פון א. ק. ב. איז מודיע:

ווי מיר האבען שוין פריהער געמעלדען איז מר. לאנדמאן, דער סעקרעטאר פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אויפגענומען געווארען אויף א לענגערען אודיענץ פון יוגא - סלאווישען אויסערן - מיניסטער טרומביטש, וועלכער האט זיך ביי מר לאנדמאן גענוי אינפארמירט איבער'ן ציוניזם, איבער דער לאגע אין פאלעסטינא און איבער דער אידישער פאלעסטינא - וואנדערונג די אונטערעדונג האט געהאט זעהר א פריינדשאפטליכען כאראקטער און די גאנצע יוגא - סלאווישע פרעסע האט צום ערשטען מאל געבראכט א ספעציעלען באריכט איבער ציוניסטישע און אלגעמיינע אידישע פראגען. דער דאזיגער פאקט האט אויך געמאכט א גרויסען רושם אויף דער גאנצער אידישער באפעלקערונג פון יוגא - סלאוויען, וועלכע דערנעהענטערט זיך כסדר מעהר צום אקטיווען ציוניזם.

ה. לאנדמאן האט ארומגערעדט מיט מיניסטער טרומביטש פאלגענדע 3 פראגען:

1. אפיציעלע אנערקענונג פון די פאלעסטינא - עמטער אין דעם פאראייניגטען יוגא - סלאווישען קעניגרייך.

2. די רעגירונג זאל ארויסשיקען אינסטרוקציעס צו אלע איהרע קאנסולאטען אין מיטעל - אייראפא, ווי וויען, פראג, ווארשא, בודאפעסט און בוקארעסט זיי זאלען ניט מאכען קיין שוועריגקייטען ביים וויזירען די פאספארטען פון די פאלעסטינא וואנדערער, וואס פאהרען איבער יוגא - סלאווישער טעריטאריע.

3. די וויזעס זאלען געגעבען ווערען אומזיסט אדער ווענינגסטענס פאר א זעהר קליינעם פרייז, ווי עס באקומען זיי די יוגא - סלאווישע עמיגראנטען.

דער אויסערן - מיניסטער טרומביטש האט צוגעזאגט מר. לאנדמאן אלע זיינע בקשות נאך מעגליכקייט צו ערפילען און גינסטיג צו ערלעדיגען. ביי דיזער געלעגענהייט האט מר. לאנדמאן אויך אנגעריהרט די פראגע, צו עס וואלט ניט מעגליך געווען צו ארגאניזירען אין די שיטער - באוואוינטע געביטען פון יוגא סלאוויען אידישע מוסטער פארמען פאר אידישע חלוצים, וואו זיי זאלען בלייבען פאר אן ערך פון 2 יאהר צייט, כדי זיי זאלען זיך אויסבילדען אין דער לאנדווירטשאפט און דאן ווייטער פאהרען קיין ארץ ישראל, ווייל פאלעסטינא איז לע"ע ניט בכח אויפצונעהמען אזוי פיעל אידען, וויפיעל זיי מעלדען זיך שוין היינט קיין ארץ - ישראל. מיניסטער טרומביטש האט ערקלעהרט, אז די פראגען באלאנגען צום מיניסטער פאר אגראר רעפארמען, ה. קריזמאן און האט דארום צונויפגעפיהרט ה. לאנדמאן מיט איהם. מיניסטער קריזמאן האט ערקלעהרט, אז צו דעם צוועק קומט נאר מאצעדאניען, אין באטראכט. אבער די מאלאריע לעגט דארט אוועק א סך קרבנות פון די מיטעל אייראפעאישע קאלאניסטען, דארום וואלט ניט ער און ניט די סערבישע רעגירונג געקאנט איבערנעהמען דאס אחריות פאר'ן אריבערברענגען די אידען פון מיטעל - אייראפעאישען קלימאט קיין מאצעדאניען. אויב די ציוניסטישע ארגאניזאציע וואלט וועלען איבערנעהמען אויף זיך אזא אחריות וועט די סערבישע רעגירונג גאר ניט האבען דאגעגען. מר. לאנדמאן האט, פארשטעהט זיך, אין אזא פאל געלאזט דעם גאנצען ענין פאלען.

מר. לאנדמאן האט אויך געהאט קארעספאנדענצען מיט אלע אידישע פארשטעהער אין בעלגראד און אין אנדערע שטעט, וואו די ציוניסטישע ארבייט ענטוויקעלט זיך וואונדערבאר. ספעציעל זיינען די אויסזיכטען פאר'ן קרן היסוד זעהר גוטע. די יוגא - סלאווישע אידען
ספעציעל די בעלגראדער
זאגט אז די חלוצים, וואס
פאהרען איבער יוגא - סלאוויע
פארזארגט ווערען מיט אלעם גוט

מיליאנערסקע פירמא
האט ניט צו

די גרויסע סקרעפ מעטאל
פרענער און קאמפאני, פון 36
טא סטריט האט געמוזט איבער
איהר פארמעגען אויף די קרעדי
עס ווערט געזאגט אז איהרע
לען אנטרעפען ארום א מיליאן
די פירמא האט אויפגעקויפט
און מעטאל אפפאלען אין מלחמה
רען פון אייראפא. עס ווער
אז די שלעכטע לאגע פון דער
געקומען פון דעם וואס די ווערט
ראפעאישען געלט איז אזוי שט
פאלען.

Our banner
PERFECT SANITATION

די פרעפעקטע סאניטארישע
קייט פון אונזער „טעמי פיניש"
לאונדרי איז פאר אייער פראו
טעקציע. אייערע וועש ווערט
פארזיכטיג געהאלטען באזונדער
פון אנדערע וועש און זיי ווער
רען געוואשען אויף אזא אופן
וואס פארזיכערט צו מאכען די
פאלשטענדיג ריין.
אייער נאמען און אדרעס
אהער.
WET WASH LAUNDRY CO. LTD
DUNDAS W. PARK 5280
(NEAR OSSINGTON)

שפארט אליין און
זעהט אויך אז אייער
קינד זאל שפארען
מיט איין דאלאר קענט איהר עפענען אן אקאונט און
אוועקלעגען דעם פונדאמענט פאר אייער צוקונפט
יעדער דעפאזיטאר באקומט אהיים א שעהנע סייף
אין וועלכער ער קען שפארען קלענערע סומען
געוואוינט צו אייער קינד עס זאל זיין שפארזאם
ה. וויינבערג
BANKER
253 קווין סטריט וועסט
אין אפיס פון „אידישען זשורנאל"

נאך וואס געברויכען אליוו אייל
ווען
MAZOLA
גיט דעם זעלבען רעזולטאט פאר
½ פרייז

מערידען
הערט אויף צו ליידען
אפילו אויף אן איינ־
ציגען טאג פון בייסענ־
דיגע און בלוטענדע
אדער ארויסשטעהענדיגע
מערידען, קיינע אפעראציעס נויטיג. דר. טשייסע'ס
זאלב וועט מאמענטאל אויסהיילען און ברענגען
אן איינגע רפואה. 60 סענט א באקס ביי אלע
געשעפטסלייט, אדער עדמאנסאן, בייטס און קאמ־
פאני, לימיטעד, טאראנטא. סעמפעל באקס פריי. אויב איר
דערמאנט דיזע צייטונג, און לייגט אריין 2 סענט
סטעמפ פאר פאסטעדזש.

Ford
טורינג, ראנעבאוט, סעדאן, קופע
קויפט אייער פארד קאר ביי
הערי טוג
טעלעפאן מיין 281
ליכטע באדינגונגען.

THE DAILY HEBREW JOUR
H. Winberg, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of O
—PUBLISHED BY—
CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., L
261 - 263 Queen Street West Telephone Adelaide
Subscription Rates $6 Per Year, $3.50 Six M
Single Copy —3 cents.
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O. Toronto
January 22nd 1913

ארויסגעלאזען די קאץ פון זאק

פאר דער וועלט האלט יעדער דיפלאמאט אין איין רעדען מיט געהויבענע ווערטער, און אפילו דער פארביסענסטער רעאקציאנער זוכט זיך איינצואוויקלען אין א פראגרעסיווען מאנטעל. אבער אפטמאהל פארגעסען זיי זיך און זאגען ארויס דעם ביטערען אמת. דאס אין [illegible] זיי [illegible], אבוואהל פאר דער וועלט פוצט מען זיך גאר אויס אין אנדערע [illegible].

צו דיעזער קאטעגאריע מעג אויך צוגערעכענט ווערען די ערקלעהרונג, וואס דער בעלגישער פארטרעטער האט אפגעגעבען ביי די זיצונגען פון דער נאציאנען ־ ליגע אין זשענעווא.

שוין א היבשע צייט, ווי מען האלט די וועלט אין איין פארזארגען מיט שלום, און פארשטעהט זיך אז די פריעדענס־פארזארגער זענען די זעלבע מענשען וועלכע האבען אונז פריהער פארזארגט מיט א מלחמה, און ווי אזוי האט דען אנדערש געקענט זיין, ווי אזוי קען מען אונז פארזארגען מיט פריעדען, ווען מען גיט ניט פריהער צו פארזוכען דעם טעם פון קריעג. וואס מען אבער מיט מלחמה שוין דערוויילט אנגעזעטיגט די מענשהייט, פארזארגט מען יעצט מיט פריעדען, וועלכע דארף עס ארויסקומען פון דער נאציאנען ־ ליגע.

אבער דער בעלגישער סענאטאר לאפאנטיין האט זיך אויף א ווייל פארגעסען, און ארויסגעלאזט אונוויסענדיג די קאץ פון זאק. דער בעלגישער סענאטאר האט אין נאמען פון זיין דעלעגאציע פארגעשלאגען, אז מען זאל איינגעפיהרט ווערען א מין אינטערנאציאנאלע פאליציי אדער ארמיי, וועלכע זאל אפהיטען דעם פריעדען. ווייל אהן ארמייען קען מען נאך יעצט גאר ניט אויפטון, און לויט זיין מיינונג איז די וועלט נאך ניט גענוג רייף צו קענען אויסקומען אהן ארמייען.

אזוי האט גערעדט און פארגעשלאגען דער בעלגישער סענאטאר. מעגליך אז ער האט עס גערעדט אין א בייזער שעה, און אז ער האט דערביי אליין ניט געפיהלט דעם אמת וואס ער זאגט ארויס, יענעם אמת, וועלכען אלע דיפלאמאטען זוכען צו פארדעקען — דערווייל אבער האט ער באמת ארויסגעלאזען די קאץ פון זאק.

און צווישען דיפלאמאטען איז עס דאך א זעלטענהייט.

* * *

ארויסגעלאזען די קאץ פון זאק האט דער בעלגישער סענאטאר, און ארויסגעלאזען די קאץ פון זאק האט יעצט אויך די וואשינגטאנער פוילישע אמבאסאדע.

ווען די פראטעסט שטימונג געגען פוילען איז צווישען די אמעריקאנער אידען געוואקסען, האט פלוצלונג דער פרינץ ליובאמירסקי געלאזט רופען צו זיך א אידען. און עס איז ארויסגעקומען די באוואוסטע קאנפערענץ צווישען ליובאמירסקי'ן און די אידישע פארטרעטער, וועלכע האט זיך דערווייל געענדיגט מיט פארשפרעכונגען . . .

איין וואשינגטאנער קארעספאנדענט פון א ניו־יארקער צייטונג, האט אפילו געזוכט צו ערקלעהרען, אז ליובאמירסקי, וועלכער קומט פון גאליציען, איז שוין פון לאנג באוואוסט מיט זיין אידען ־ פריינדשאפט, און אז ליובאמירסקי האט דיעזע בעראטונג איינגערופען, אזוי איז צו גלויבען, צוליעב הומאנע מאטיווען.

אבער אט איז די קאנפערענץ נאר־וואס געענדיגט געווארען, און א באריכט פון וואשינגטאן מעלדעט שוין, אז דארטען איז יעצט דא דער פוילישער געהילפס ־ פינאנץ מיניסטער, און ליובאמירסקי צוזאמען מיט איהם האבען אפגעהאלטען א רייהע בעראטונגען מיט אמעריקאנער רעגירונגס ־ בעאמטע וועגען דער פערציג מיליאנענדיגער הלואה, וואס פוילען קלייבט זיך צו מאכען אין אמעריקע.

גלייך ווען ליובאמירסקי האט אויפגעפאדערט צו א בעראטונג, האט מען עס געקענט פאראויסזעהן, אז פוילען מיינט דא עפעס מיט דעם, און ענדליך איז די קאץ ארויס פון זאק. מען דארף מאכען א הלואה, אידישע פראטעסטען קענען נאך שאדען צו דעם, נו האט מען אפגעהאלטען א כלומרשט'יגע קאנפערענץ כדי צו באזייטיגען דערווייל דעם פראטעסט, קענען דאדורך אנפילען די לעדיגע רעגירונגס ־ קאסע אין ווארשע.

נאך מיט א טאג פריהער, לעצטען מאנטאג, האבען מיר עדיטאריעל געשריבען, קאמענטירענדיג וועגען ליובאמירסקי'ס ענטפער: —

„אין אמעריקא האט זיך אנגעהויבען א אידישע פראטעסט באוועגונג געגען פוילען, דאס קען נאך שאדען צו א פוילישער הלואה, לאזט מען וויסען דער אידישער פראטעסט־קאנפערענץ אז מען וויל האבען א בעראטונג, און אזוי ווי מיר זענען שטענדיג רודפי שלום־ניקעס, כאפען מיר זיך אן אין דעם אן".

אונזער פאראויסזאגען, אז די גאנצע איינלאדונג צו א קאנפערענץ פון ליובאמירסקי'ס זייט שמעקט מיט א הלואה, האט זיך ארויסגעוויזען אלס זיין ריכטיג.

און איידער מען האט די קאץ פון זאק ארויסגעלאזען, האט מען הערליך די אידישע פארטרעטער אין זאק אריינגענארט.

יעצט ווען מען רעדט אזוי פיעל וועגען די גרענעצען פון ארץ ישראל, האט די אמעריקאנער ציוניסטישע ארגאניזאציע באוויזען אז זי פאר[illegible] אן הלכות גרענעצען, און זיך פארקליבען מיט דער קאנווענשאן אין באפאלא.

ביים היגען טריידס און לייבאר קאונסיל האבען עטליכע דעלעגאטען גערופען אויסשליסען די פרעסע ־ פארטרעטער פון די זיצונגען — די אידישע רעפארטער וואלט עס שוין גאר קיין שאדען ניט געוועזען.

די גענעראלערס קעמערען און מעקגוויר האבען פרייטאג בלויז גע[illegible] אויסטוישען דעם אמת'ן דין פון „שלאגענדע ארגומענטען".

ענדליך האבען מיר שוין דעם אנפאנג פון „רעסיפראסיטי". די פאראייניגטע שטאאטען שיקט ארויס איהרע ראדיקאלע אין רוי[illegible] האפענס.

[illegible] איז שוין צוקער צעהן סענט א פונט — הכנים אז [illegible] אין בעסער.

וועניזעלאס'עס דורכפאל און די עלאים

פון **בן לוי.**

די גרויסע נידערלאגע, וואס דער פרעמיער פון גריכענלאנד, וועניזעלאס, האט געליטען אין די לעצטע וואהלען פאר דעם פארלאמענט, ווערט אויסגעטייטשט פון די עלאים רעגירונגען אלס זייער אייגענער דורכפאל. וועניזעלאס איז געווען דער איבערגעגעבענסטער פריינד פון די עלאים אין צייט פון קריעג און ער האט אריינגעשלעפט גריכענלאנד אויף דער זייט פון די עלאים. וועניזעלאס האט אויך אינטריגירט געגען דעם גריכישען קעניג, וועלכער איז א נאהענטער קרוב צו דעם געוועזענעם קייזער פון דייטשלאנד און מען האט יענעם משלח געווען פון לאנד און פון טראן.

דער דורכפאל פון וועניזעלאס איז באשטימט א דורכפאל פון די עלאים, און וועגען דעם קענען קיין צוויי מיינונגען ניט זיין, אבער עס קען זיין, אז דיעזער דורכפאל איז פיעל גרעסער פאר די עלאים ווי מען ווייס דאס ביז איצט. איצט הייסט דאס, אז דאס גריכישע פאלק האט געשטימט פאר דעם צוריקקעהרען פון דעם פארטריבענעם קעניג, קאנסטאנטין. די שפעטערדיגע באריכטען וועגען די וואהלען וועלען ווארשיינליך ווייזען א גאנץ אנדער זייט פון דעם בילד.

דערווייל הייסט דאס, אז דאס גריכישע פאלק האט געשטימט מיט א גרויסער מאיאריטעט פאר דער מאנארכיסטישער פארטיי דארט. אזוי יעדענפאלס לויטעט די באריכטען וואס מיר קריגען פון פראנצויזישע קוועלען וועגען די וואהלען. וועניזעלאס, זאגען די באריכטען, איז דער פארטרעטער פון דער ליבעראלער פארטיי, און די אלע געגנער זיינע זיינען מאנארכיסטען. דאס וואס וועניזעלאס' פארטיי האט ערוויילט 118 דעפוטאטען און די געגנער האבען ערוויילט 250, ווערט אנגעגעבען אלס באווייז, אז דאס גריכישע פאלק איז מאנארכיסטיש, אז דאס גריכישע פאלק וויל א קעניג.

אבער דאס איז אבסאלוט א פאלשע אויסטייטשונג און ווערט פארשפרייט בלויז מיט'ן צוועק צו מאכען פראפאגאנדע פאר פראנקרייך'ס אינטערעסען. ווארום וועניזעלאס, ווי עס איז קלאר באקאנט יעדען איינעם, וואס האט זיך אינטערעסירט מיט דער פראגע, איז אליין געווען א שטארק אויסגעשפראכענער מאנארכיסט. ווען קעניג אלעקסאנדער איז געשטארבען און די וועלט האט גענומען קלערען וואס פאר א רעגירונגס פארמע גריכענלאנד וועט אננעהמען, האט וועניזעלאס געמאכט א גאנץ אונצווייידייטיגע ערקלעהרונג, אז גריכענלאנד וועט זיכער האבען א קעניג און האט צוגעגעבען, אז דאס וועט זיין דוקא אן אייגענער קעניג און ניט קיין פרעמדער. מען האט געהאט גערעדט, אז אויף דעם גריכישען טראן זיינען דא קאנדידאטען אין פארשיידענע לענדער, איינער אין פראנקרייך, איינער אין בעלגיען, איינער אין שוועדען און וואו נים. אין דעם קעניגליכען „טרייד" איז איצט גרויסער סלעק. קאנדידאטען פאר קעניגע און טאקי געוועזענע קעניגע געהען ארום אהן א שטאה ארבייט, און עס איז קיין וואונדער ניט, וואס אז עס האט זיך אפגעליידיגט א קעניג פלאץ אין גריכענלאנד האבען זיך געפונען אויף איהם אזוי פיעל בעלנים און פרעטענדענטען.

מען האט דא, אלזא, גערעדט צו זאן ניט מיט א געגנער פון מאנארכיזם. וועניזעלאס איז געווען א גאנץ הייסער מאנארכיסט. מעהר גיט: ער האט געוואלט, אז אויף דעם גריכישען טראן זאל זיצען זיינער א קעניג, וועמען ער זאל קענען „באסעווען". ער האט פארגעשלאגען דעם טראן צו דעם איינגערען ברודער פון פארשטארבענעם קעניג, מיט דעם תנאי, אז יענער זאל גאראנטירען אז דער אלטער פארטריבענער קעניג זאל זיך אויף אייביג אפזאגען פון דעם רעכט אויף דעם טראן און יענער האט זיך ענטזאגט אנצונעהמען דיזען באריגג. וואלט פאוועל אנגענומען דיזען באריגג, וואלט אים וועניזעלאס געקרוינט פאר קעניג און אלץ וואלט געווען גוט און שעהן אין אטהענס.

עס לייגט זיך דארום אויף'ן שכל, אז דא האט מען צוטאן מיט א גאנץ אנדער ערשיינונג, און אז דיזע ערשיינונג איז א פיעל גרעסערער קלאפ פאר די עלאים פאליטיק, הויפטזעכליך פאר דער פאליטיק פון פראנקרייך. נו מען זאגט דאס דערווייל אויס. עס קען גרוי[illegible]ליך זיין, אז די 250 דעפוטאטען, וואס די וועניזעלאס אפאזיציע האט באוויזען צו ערוועהלען זיינען נאר ניט קיין מאנארכיסטען נאר טאקי געגנער פון מאנארכיע אין גאנצען. יעדענפאלס לייגט זיך אויף דעם שכל, אז צווישען דיזע 250 דעפוטאטען זיינען דא א גענוגענדע צאהל אויסגעשפראכענע געגנער פון מאנארכיזם.

מיר נעהמען דיזע סברה פון געוויסע פאסירונגען אין גריכענלאנד, וועגען וועלכע אונז איז אויסגעקומען צו לייענען אין דער פרעסע פון צייט צו צייט, רעצענזיען פון גריכענלאנדס טאקטיק סיי אין דער פארמע פון דעפעשען און סיי אין דער פארמע פון קארעספאנדענצען פון גריכענלאנד. מיר ערינערען זיך אן א גאנץ לאנגער קארעספאנדענץ וועגען דער פאסיפיסטישער באוועגונג אין גריכענלאנד. מיר דערמאנען זיך, אז אין יענער קארעספאנדענץ איז געווען דערצייהלט פון גרויסע מאסען דעמאנסטראציעס געגען דער קריגערישער פאליטיק און געגען דער אימפעריאליסטישער פאליטיק פון וועניזעלאס'ן. די דעמאנסטראציעס, ווי עס איז געווען צו ערווארטען זיינען צוטריבען געווארען פון וועניזעלאס סאלדאטען און פאליציי מיט א בלוטיגער אייזערנער מאכט, אבער זיי זיינען פארגעקומען. מאסען גאנץ אנגעזעהענע מענשען זיינען ארעסטירט געווארען, און מאנכע זיינען גע'משפט געווארען פון קריעגס געריכטען. אבער זיכער איז, אז א פאסיפיסטישע באוועגונג איז דארט געווען פאר א לענגערע צייט און א גאנץ היבשע. פארוואס זאל מען זיך ניט קענען פארשטעלען, אז וועניזעלאס איז געשלאגען געווארען ניט דוקא פון מאנארכיסטען פון קאנסטאנטינ'ס זייט, נאר פון פאסיפיסטען, פון פאלקס מאסען, וועמען עס האט זיך צוגעגעסען די בלוטיגע אימפעריאליסטישע פאליטיק פון דעם שלעכטען פרעמיער?

דאן איז אונז איינגעקומען צו לייענען איינמאל מאל וועגען א נישקשה־דיגער סאציאליסטישער באוועגונג דארט און אויך פון א גאנץ היבשער רעפובליקאנישער באוועגונג דארט. אין געוויסע שטאט פארוואלטונגען אין גריכענלאנד געפינען זיך אין אנגעזעהענע צאהלען סאציאליסטישע מיטגלידער. רעפובליקאנער זיינען געווען אפילו אין דעם אלטען פארלאמענט. פארוואס זאל מען זיך ניט פארשטעלען, אז צווישען די 250 דעפוטאטען, וואס האבען משלח געווען דעם פרעמיער און זיין פארטיי, געפינען זיך סאציאליסטען און רעפובליקאנער? די לעצטע יאהרען פון מלחמה, וואס גריכענלאנד האט געפיהרט פאר'ן אייגענעם און עלאים אימפעריאליזם, האבען דאך זיכער עפעס געלערענט די דארטיגע ארבייטענדע און פויערים מאסען. זיי זיינען דאך, מסתמא ניט ערגער פון, לאמיר זאגען, סערבישע מאסען, וואו דער סאציאליזם האט געמאכט א גוואלדיגען פארשריט טאקי צוליעב דער מלחמה, אדער פון בולגאריען, וועלכע זיינען אזעלכע נאהענטע שכנים צו גריכענלאנד.

די פראקטיק האט געוויזען, אז אלע אזוי גערופענע „מלחמה רעגירונגען" זיינען געפאלען, ווען די מאסען האבען נאר געקראגען די געלעגענהייט צו שטימען אין די וואהלען. עס זיינען אין גאנצען דא צוויי רעגירונגען אין דער גאנצער וועלט איצט, וואס האבען געפיהרט מלחמה און האלטען זיך נאך. איינע איז די רעגירונג פון לאיד דזשארדזש וועלכע האלט זיך נאך, און די צווייטע רוסלאנד. זאנסט זיינען אלע „מלחמה רעגירונגען" געפאלען, פארוואס זאל גריכענלאנד זיין אן אויסנאהם?

מיר ווייסען נאך דערווייל זעהר ווייניג פון דעם, וואס איז פארגעקומען די טעג אין גריכענלאנד און וואס עס מיינען אין דער אמת'ען די וואהלען דארט. מיר ווייסען דערווייל, אז דער פריינד פון די עלאים, דער שלויער פרעמיער וועניזעלאס, איז געשלאגען געווארען אזוי, אז ער אנטלויפט איצט קיין אייראפע. מיר ווייסען, אז די עלאים און באזונדערס פראנקרייך זיינען שטארק אנטוישט פון די רעזולטאטען פון דיזע וואהלען און בעטראכטען דאס אלס א פאטש אין פנים פאר זיך און ערקלערען, אז דאס גריכישע פאלק האט מיט זייער „אקציע" ארויסגעוויזען א שטארקע אונדאנקבארקייט צו די „רעטענדע" עלאים. אבער דאס קען כלל ניט מיי[illegible] די מאנארכיסטען. מיר מיינען די מאנארכיסטען ניט פון וועניזעלאס [illegible]. די וואהלען אין גריכענלאנד קענען מיינען א סך מעהר. זיי קענען מיינען א זייגער פאר די ראדיקאלע עלעמענטען, און דאן איז דאס א פיעל גרעסערער קלאפ פאר די עלאים, באזונדערס פאר פראנקרייך, וועלכע האט זיך פארגעשטעלט צו פארשלינגען די גאנצע וועלט און האט נעבאך ניט דעם נויטיגען ברייטען האלז דערצו.

שמעון דובנאוו

(צו זיין 60־טען געבורטסטאג)

פון **ש. ראזענפעלד.**

אויך ער האט זיין ליטעראריש טעטיגקייט אנגעהויבען אונטער'ן צייכען פון אידישער גלייכבערעכטיגונג. דאן (1882) איז די אידישע גלייכבערעכטיגונג געווען פאר פיעלע על כל פנים א וועלט ־ אנשויאונג. נאכמעהר: דאס איז געווען דער גאנצער מהות פון זייער אידענטום. ארום איהם איז „קאנצענטרירט געווען די גאנצע טעטיגקייט פון דעם „דעמאלדיגען אידענטום. סיי די השכלה ־ טעטיגקייט, סיי די פילאנטראפיע, איז בארעכענט געווען לשמה פון דער גלייכבערעכטיגונג: זאלען זיי, די דארט אין דער אויסענוועלט, זעהן און וויסען! . . . און דער וויכטיגסטער פאר ־ תנאי, אבער אויך דער פועל ־ יוצא פון דער גלייכבערעכטיגונג איז — די אסימילאציע.

אויף דעם באדען איז אויך דובנאוו געשטאנען. זיין ליטעראריש טעטיגקייט האט ער אפילו אנגעהויבען מיט „אידישער וויסענשאפט" (וועגען פראנק מיט ליטעראטור ־ קריטיק א. ד. ג.). אבער שוין אין דער קריטיק, האט ער ארויסגעוויזען גרויסע פובליציסטישע פעהיגקייטען. איז עס דאך אין רוסלאנד פון שטענדיג ־ אן געווען אנגענומען דער הויפט פובליציסטישע קריטיק צו שרייבען. אזוי האט געטאן בעלינסקי און דאבראליובאוו, פיסארעוו און שעלגונאוו, אזוי הבען אויך די אידישע קריטיקער אין יענער צייט געטון. אזוי טוט אויך דובנאוו.

א געוויסע צייט בלייבט ער דער פארטיידיגער פון די „אייביגע פרינציפען" פון דער נאקעטער, לופטיגער מענשליכקייט — נישט ־ באמערקענדיג דאס פאלקסטימליכע, וואס ליגט אויך אין נאציאנאלען. אבער אין עטליכע יאהר ארום לאזט ער זיך בעאיינפלוסען פון זיין סביבה אין אדעס, איבערהויפט פון אחד העם'ן, און ער דערוויטערט זיך פון דער מערב ־ אייראפעאישער אסימילאציע, וואס איז געבויט אויף יענע „אלמענשליכע, אייביגע פרינציפען" און נעהמט אן דאס נאציאנאלע פרינציפ. פון דאן אן ווערט פאר איהם די אידישע גלייכבערעכטיגונג בלויז א מיטעל צו א העכערען צוועק — צו נאציאנאלע ־ קולטורעלע אויטאנאמיע אין די גלות ־ לענדער, ווארום ווי א פרומער איד גלויבט אין משיח'ן, אזוי גלויבט דובנאוו אין דער אייביגקייט פון גלות. אבער ביי גלייך ־ און פיל ־ בארעכטיגונג וועט דער גלות אנדערש אויסזעהן, ווען דאס אידישע לעבען אנדערע פרייע פארמען אננעהמען.

דערפאר האט ער זיך אזוי פיעל ארגומענטען מיט'ן אויסארבייטען זיין טעאריע וועגען „אויטאנאמיזם" פון אידענטום. כדי באוואוסטזיניג דערצו צו שטרעבען און פאליטיש דערפאר צו קעמפפען, גרינדעט ער אין יאהר 1905 די „פאלקס ־ פארטיי", וועלכע איז פאליטיש טעטיג געווארען ערשט אין יאהר 1917, און האט געגאלטען ווי א מוסטער פון פארטייאישער אונפארטייאישקייט.

ווארום לויט זיין גאנצען מהות איז דובנאוו אונפארטייאיש. צו אויפריכטיג צו אביעקטיוו איז ער, כדי אן אמת'ער פארטיי ־ מאן צו זיין און בויענדיג זיין גאנצע טעאריע אויף דעם כלל: „דא שטעה איך, דא בין איך", איז ער דאך א הארציגער פון דעם ישוב אין ארץ ־ ישראל, און דוקא פון לופטיגען קולטור ־ צענטער, נור דוקא פון א ישוב אויף פאלקישע יסודות — ווייל אלץ, וואס דעם אידען איז אייגען, איז איהם אינערליך נישט פרעמד.

דערפאר איז נישט ־ קוקענדיג אויף זיין נעהענט זיין צום ציוניזם, זעהט דאך דער היסטאריקער דובנאוו און שטרייכט אונטער (אין זיין „געשיכטע פון אידישען פאלק") דעם היסטארישען פראצעס, וואו דער אידישער צענטער וואנדערט ווידער אויס פון מזרח (ווי א מאל פון בבל) און באגרינדעט זיך טייליוויז אין ארץ ־ ישראל.

דער פובליציסט דובנאוו קוקט אויף העברעאיש ווי אויף איינעם פון אונזערע נאציאנאלע גיטער, וועלכע מיר מוזען פלעגען און היטען, ווי אויף'ן שליסעל צו יענע אלטע קולטור ־ אוצרות וואס דאס היסטארישע אידענטום האט געשאפען און אנגעהויפט. ווי אויף אן אונבאדינגט נויטיגען עלמענט אין דער ספערע פון דער אידישער אויפלעבונג. ער איז אבער אויך דא ניט פארטייאיש. און אויב נישט טעארעטיש אזוי דאך פראקטיש, איז ער א אידישיסט ביי אנדערע קולטורעלע פאלקס ־ ארבייט. און אויך אליין איז ער א גלענצענדער סטיליסט סיי אין העברעאיש, סיי אין אידיש און סיי אין רוסיש.

און דער סטיל איז דער מענש. דובנאוו איז נישט בלויז א פובליציסט פון גאמ'ס גנאה, נישט בלויז א היסטאריקער, נאר אויך מענש. אין פוילען, דער הויפט אין ווארשא, איז זעלטען אזא מענשען צו טרעפען אין אונזערע ליטערארישע קרייזען.

ער געהערט צום אדעסער חדר. דארט פארמאגען נאך אידישע ליטעראטען א גוטע מיינונג און א גוט ־ ווארט, נישט בלויז וועגען זיך אליין, נור אויך אין דערהויפט, וועגען א חבר, וועגען א צווייטען ליטעראט . . . דארט איז יעדער אומשטאנד צו באמערקען דאס שעהנע אינ'ם חבר, גיכער ווי אין זיך. לגבי דובנאוו'ן, איז דאס אבער א קלייניגקייט. ביי זיין גאנצען דעמאקראטיזם איז דאך דובנאוו דער אמת'ער גייסטיגער אריסטאקראט, און דער אמת'ער עניו, מיט וועלכע עס צייכנען זיך אויס אמת'ע גרויסע אייראפעער. ער פארמאגט די פיינע רוהע אין ריידען און שרייבען, די גרויסע אביעקטיוויטעט ביים באהאנדלען די מיינונגען פון געגנער. דאס מאכט אים באליעבט ביי אלעמען. דאס מאכט אז מ'ווארט אויף זיין ווארט — ווייל דאס איז שטענדיג אויפריכטיג.

די לעצטע יאהרען זיצט ער אפגעשיידט פון יעדער געזעלשאפטליכען טומעל, פארטיעפט איבער זיינע וויסענשאפטליכע ארבייטען — די גרויסע פינף בענדיגע אידישע געשיכטע.

דארף מען דעם נאך זאגען, אז מיר ווינשען ערפאלג אין זיין ארבייט, און אז ער זאל זוכה זיין אויסצופיהרען אלע זיינע ברייטע ליטעראריש פלענער, וואס ער האט פארגענומען.

(„היינט". — ווארשא.)

פאהסקאנטעה מסהכ באפרייט

די דזשורי וואס האט געמשפט מ. דעליב, אויף דער קלאגע פון האבען ערמארדעט ראמוש האסאן, וועלכער איז געפונען געווארען א פארגראבענער אין קעלער פון דעם הויז 169 וואולזלי סט. האט אריינגעבראכט א ווערדיקט „אומשולדיג".

ריכטער לענאקס האט געזאגט בשעת ער האט געהאלטען זיין רעדע צו דער דזשורי אז די אנקלאגע האט ניט קיין איינציגען פונקט אויף וועלכען זי קען באגרינדען איהר אנקלאגע. **דער ריכטער** האט אויך געזאגט אז דאס איז צום ערשטען מאל אין די 9 יאהר וואס ער פיהרט משפטים, וואו איהם קומט אויס צו געבען אינסטרוקציעס צו דער דזשורי וואס זאל זיין גינסטיג פאר'ן אנגעקלאגטען.

פיער טויזענט ווילען ווערען פייערלייט

א שטיקעל באוויז פון דער ארבייטסלאזיגקייט וואס הערשט איצט אין טאראנטא איז דאס, וואס פיער טויזענט מענשען האבען זיך געמעלדעט צום פייער דעפארטמענט בעטענדיג אויפגענומען צו ווערען אלס פייערלייט.

מענשען אין אפגרונד ✤ ראמאן

פון **יעקב פינגערמאן**

אידיש פון **א. ריינוויין**

ישראל זאנגוויל געווידמעט

(זעכצעהנטע פארזעצונג)

„די הערען זעהען, אז דיעזער באפעהל איז אן ערגענצונג צום באפעהל נומער 215. ליוטענאנט וואלאדעק האט שוין פארעפענטליכט די אינסטרוקציעס צו די קרייז אפיצערען, און ער האלט זיי גרייט, און מארגען וועלען זיי מיט די קורירען צושיקט ווערען. ניי איז נאר די אזוי גערופענע ביילאגע, וועלכע ענטהאלט די אנווייזונגען, ווי אזוי צו בעהמען און פארברויכען די תבואה"

ער האט צוזאמענגעקנייטשט די אויגען און ווייטער געלעזען:

„ביילאגע צום באפעהל נומער 218. כדי צו פארהיטען אז די תבואה פונ'ם לאנד זאל ניט אריינפאלען צום שונא, און עס זאל אויך בלייבען עטוואס ביים אויסגעהונגערטען פאלק, האט די אויבער קאמאנדע פארארדנט פאלגענדעס:

א) אבערסט אלשעווסקי וועט צווישען די פויערים איינארדנען די פראפאגאנדע, און די תבואה וועט אויסגעלייפערט ווערען צו די עסטרייכער נאר אין די קלענסטע קוואנטיטעטען,

ב) ער וועט באאויפטראגען איינלענדישע תבואה הענדלער, וועלכע דארפען ניט וויסען דעם אייגענטליכען צוועק דערפון, זיי זאלען די באטרעפענדע תבואות אויפקויפען, און עס פארקויפען אויסשליסליך צו דער שטאדטישער באפעלקערונג אין קליינע טיילען לויט געוויסע איינגעפיהרטע רעגולאציעס, כדי צו פארהיטען, אז עס זאל קיינמאל ניט זיין די מעגליכקייט, אז צו די פיינדליכע ארגאנען זאל קענען אריינפאלען תבואה אין א גרויסער מאס."

ער האט ווידער אויסגעטרונקען א גלעזעל און נעפרעגט: „האט איהר פארשטאנען?"

אלע האבען צוגעשאקעלט.

ליוטענאנט וואלאדעק האט נעפרעגט:

„מעג מען וויסען, הער אבערסט, ווען דער באפעהל איז ארויסגעשיקט געווארען?"

אלשעווסקי האט געענטפערט: ער איז נעכטען אנגעקומען פון פאריז, און ער איז געוועזען צוועלף טעג אונטערוועגנס. נאר צו דער זאך! איך האב אהער באשטעלט די תבואה סוחרים לאזארעוויטש און פאלבערג, אום זיי דעם בסהר פארצולעגען. זיי וויסען נאטירליך פון גאר ניט, און איך האב זיי אויך געבעטען צו זיין פארזיכטיג."

א האלבע שעה איז אזוי אוועק מיט גארניט זאגענדע געשפרעכען, ווען חיים בראצלאווער האט אנגעקלאפט ביי דער טיר, און געמאלדען וועגען די צוויי סוחרים.

„איך האב אייך געבעטען קומען אהער", האט דער אבערסט אנגעהויבען, „ווייל איך האב זיך ניט גוט געפיהלט, ענטשולדיגט מיר."

„אה, עס פרעהט מיר זעהר, הער פאן אלשעווסקי", האט לאזארעוויטש געפרובירט עס פארענטפערען. „דאס לעצטע מאל האבען מיר זיך געזעהן אין ווארשא, און איהר האט דאמאלס ניט געהאט גענוג צייט."

„שווערע צייטען האבען מיר יעצט", האט אלשעווסקי געענטפערט, „מען האט גענוג פארוואס צו זארגען."

„יא, יא," האט פאלבערג געזיפצט, און זיך געצופט דעם שניפס, „שווערע צייטען."

„דארף איך די הערען פארשטעלען און באקאנט מאכען? הער לעהרער וואלאדעק, הער אפטייקער שומאנסקי, דער פאבריק־פארוואלטער לעשינסקי, די הערען גרויס־הענדלער לאזארעוויטש און פאלבערג."

זיי האבען זיך איינע די אנדערע געגעבען די הענט: פאלבערג האט חנפה'דיג געשמייכעלט.

אלע האבען אויסגעטרונקען.

„איר זיים יעצט שטארק באשעפטיגט?" האט זיך אלשעווסקי געווענדעט צו לאזארעוויטשען.

„המ... ניט זעהר. די געשעפטען זיינען טויט. איהר ווייסט דאך, דער האנדעל איז באגרענצט, מען טאר גאר ניט ארויספיהרען אדער אריינפיהרען, מען לעבט אזוי פון טאג צו טאג."

„האט איהר ניט קיין חשק צו שטיקעל געשעפט?"

לאזארעוויטש האט געשאקעלט מיט'ן קאפ. „ווארום ניט געעהרטער הער. א געשעפט איז תמיד ווילקאמען! אבער וואו געפינט מען עס?"

„עס איז פאראן", האט אלשעווסקי באמערקט, „א גוט געשעפט, וואס וועט זיך באצאהלען. צום ביישפיעל תבואה".

„איהר האט ליעב צו שפאסען, מיין וואלטעטער", האט איהם לאזארעוויטש אפגעענטפערט.

„ווייט פון דעם, מיין ליעבער, איך האב געזאגט תבואה . . . ."

פאלבערג האט זיין נייגעריגקייט שוין מעהר נים געקענט איינהאלטען:

„רעדט קלארער, ערקלערט דייטליכער, געעהרטער הער, וואס פאר א געשעפט קען דאס זיין, ווען די תבואה ווערט נאך אין די זאנגען רעקוויזירט, און עס איז דא א מאנאפאל?"

אלשעווסקי האט זיי פארשענדיג אנגעקוקט, האט אפגעשארט די אש פון זיין ציגאר, און געזאגט גלייכגילטיג:

„מיר קויפען אויף דורך פארלעסליכע אגענטען די תבואה, וועלכע דארף שוין געדרעשט ווערען, לאגען עס אריין אין געהיימע שפייכלערס, און אנדערע טוען שוין דאס איבעריגע."

„און . . . " האט פאלבערג אויסגעשריען מיט פיבערדיגער אויפרעגונג.

(ווערט פארגעזעצט)

סער הערבערט סעמיועל'ס באריכט פאר דעם באראטונגס קאנסיל

אויף דער ערשטער זיצונג פון דעם באראטונגס קאנסיל פון דער ארץ-ישראל'ער רעגירונג, דעם 6-טען אקטאבער, 1920, האט סער הערבערט סעמיועל אפגעגעבען א באריכט פון זיין דריי מאנאטליכער רעגירונג אין לאנד. מיר גיבען דא איבער אן אויסצוג פון זיין רעדע. נאכדעם, ווי ער האט באגריסט דעם קאנסיל, האט סעמיועל אונטער אנדערעס געזאגט פאלגענדעס:

עס איז איצט דריי חדשים זייט איך האב געהאט די עהרע צו אדרעסירען מיטינגען פון די פני אין ירושלים און חיפה און אנצואווייזען אויף דער פאליטיק, וואס די רעגירונג דענקט נאכצוגעהן. איך דענק, אז עס איז ניט אונגליצליך צו דערמאנען, פונקט פאר פונקט, די ערקלעהרונגען וואס זיינען דעמאלט געמאכט געווארען און איך צו אינפארמירען וועגען דעם פארטשריט, וואס איז ערייכט געווארען אין דער פארלאפענער צווישענצייט.

בנוגע דער צפון-גרענעץ פון פאלעסטינא זיינען פארגעזעצט געווארען די פארהאנדלונגען מיט דער פראנצויזישער רעגירונג, אבער זיי זיינען נאך ניט פארענדיגט. פון די שטעט און שבטים פון דער מזרח זייט פון ירדן האב איך ערהאלטען אין חודש אויגוסט פיעלע בקשות אום בריטישע הילף אין דער אנפיהרונג פון לאקאלער אדמיניסטראציע, און איך בין געפאהרען נאך עסאלט דעם 20-טען אויגוסט, וואו איך האב באקאנט געמאכט, גוף א רעפרעזענטאטיווער פארזאמלונג, די שריט, וועלכע די בריטישע רעגירונג איז גרייט צו נעהמען. אלס פועל יוצא דערפון זיינען אוועקגעזעצט געווארען בריטישע בעאמטע אין אילון, סאלט, ארמאן און קעראק, וועלכע האבען געהאלפען בילדען זעלבסט-רעגירענדע קערפערשאפטען און גרינדען א טיכטיגע זשאנדארמעריע פאר דער אויסהאלטונג פון עפענטליכע זיכערקייט. דיזע שריט זיינען גענומען געווארען מיט דער צושטימונג פון דער פראנצויזישער רעגירונג אין דער דמשק-אדמיניסטראציע. איך האף אז דאס וועט פיהרען צו א העכערען גראד פון געזעצליכקייט און אורדנונג און צו דער באשיצונג פון אגריקולטור און אינדוסטריע, וועלכעס וועט זיין ניט נאר א טובה פאר דער באפעלקערונג פון עבר הירדן, נאר וועט אויך זיין צו גוטען פאר די איינוואוינער פון פאלעסטינא. עס וועט זיין לייכטער אפצושטעלען איבערפאלען פון מזרח זייט אין זייער סאמע אנהויב, און די ענטוויקלונג פון פריעדליכען האנדעל וועט ברייננגען נוצען דערמיט וואס דאס וועט פארגרעסערען דעם שפייז-פאראט פון פאלעסטינא און וועט שאפען א מארק פאר געוויסע פאלעסטינער פראדוקטען.

אין מיין אמט-בעטרעטונגס-רעדע האב איך באקאנט געמאכט, אז עס וועט געגרינדעט ווערען א באראטונגס-קאנסיל. ער איז דא איצט פארזאמעלט אין ערפילונג פון יענעם פארשפרעך. עס זאל קלאר פארשטאנען ווערען, אז דאס דארף באטראכט ווערען בלויז אלס אן ערשטער שריט אין דער ענטוויקלונג פון זעלבסט-רעגירענדע אינסטיטוציעס. מיט דער צייט, ווען די פאליטישע לאגע וועט ווערען מעהר קלאהר, ווערט געהאפט צו געהן ווייטער אויף דיזען וועג.

דער שטאב פון דער אדמיניסטראציע איז אויפ'ס ניי צוזאמענגעשטעלט געווארען און פיעלע ענדערונגען זיינען געמאכט געווארען. עס זיינען געשאפען געווארען דריי נייע דעפארטמענטס, וואס האבען צו טהון מיט איינוואנדערונג דורכרייזע, מיט אלטערטימליכקייטען און מיט דער לאנד-אויספארשונג. די קאסטען פון דיזע דעפארטמענטס וועלען גענומען ווערען, ווי עס ווערט ערווארטעט, פון אפצאהל און אנדערע הכנסה קוועלען, און וועלען ניט זיין א לאסט אויף דער אלגעמיינער באשטייערונג פון פאלעסטינא. מיט דער אויסנאהמע פון דיזע דעפארטמענטס, אין וועלכע עס זיינען אנגעשטעלט 13 בריטישע בעאמטע, איז געפונען געווארען פאר מעגליך צו פארקלענערען די צאהל פון בריטישע בעאמטע אין די העכערע עמטער אין דער פאלעסטינער ציווילער אדמיניסטראציע, מיט 27, אין פארגלייך מיט זייער צאהל אונטער דער מיליטערישער אדמיניסטראציע. פון דער אנדער זייט איז די צאהל פון פאלעסטינער בעאמטע פארגרעסערט געווארען מיט 18. פון די בעאמטע אין די קלענערע אפיסעס, וועלכע באשטעהען פון די קלערקס פון די דעפארטמענטס, אריינגערעכענט קאסירערס און אקאונטענטס, זיינען 91 פראצענט פאלעסטינער. אין די קלענערע טעכנישע ארבייטען, ניט רעכענענדיג צופעליגע ארבייט, זיינען 97 פראצענט פאלעסטינער. אזוי ווי עס איז אויפגעקומען א מיספארשטענדניס וועגען דער זאך, ווייל איך זאג אז דאס קענען פון ענגליש איז ניט א נויטיגער תנאי פאר דער אנשטעלונג פון פאלעסטינער [illegible] אין דער אדמיניסטראציע.

פון דער אנדער זייט ווערט דורכאוס געפאדערט דאס קענען פון אראביש פאר אלע בריטישע בעאמטע וואס ווערען אנגעשטעלט אין די דיסטריקטען.

אין מיין אמט-באטרעטונגס-רעדע האב איך באריהרט די ווידער-ערעפענונג פון דעם לאנד-רעגיסטער. דאס האט זיך אביסעל פארצויגען — א זאך וואס איך באדויער זעהר — צוליב דער וויכטיגקייט פון די פונקטען פון דעם נייעם לאנד-געזעץ און צוליעב דער נויטיגקייט אז זיי זאלען עקזאמינירט ווערען פון די עקספערטען פון דער בריטישער רעגירונג אין לאנדאן. דער רעגיסטער איז דאך געעפענט געווארען דעם 1-טען פון דיזען חודש און איך האף אז דאס וועט העלפען די עקאנאמישע ניי-באלעבונג פון'ם לאנד. א לאנד-קאמיסיע איז געגרינדעט געווארען און ניט זיך אפ גאנץ טעטיג מיט דער עקזאמינירונג פון פלענער ווי אם בעסטען אויסצונוצען די רעגירונגס-לענדערייען און אנדערע לאנד-שטרעקען, האפענדיג שטארק אין זינען די באשיצונג פון די אינטערעסען פון די איצטיגע בעארבייטער פון דעם באדען. א דעפארטמענט פאר לאנד-פארשונג ווערט איצט צוזאמענגעשטעלט און וועט ווי איך גלויב, אנהויבען זיין ארבייט אין דער נאהנטער צוקונפט.

צווישען די אונטערנעהמונגען פון הויפט-וויכטיגקייט פאר דער ענטוויקלונג פון דעם לאנד איז די גרינדונג פון באנקען אויף צו לייהען געלד אויף לאנגע טערמינען, אויף דער זיכערקייט פון פעסטען אייגענטום. די טערקישע געזעצען זיינען ניט געווען גינסטיג פאר דער גרינדונג פון אזעלכע באנקען. איך האב דעריבער באשטימט א קאמיסיע פון א רעפרעזענטאטיווען כאראקטער, צו עקזאמינירען די לאגע אין דער באציהונג. און ווען איר באריכט איז אריינגעקומען איז ארויסגעגעבען געווארען א באפעהל וואס ענדערט דעם געזעץ. איך שטעה אין פארבינדונג מיט פינאנציעלע אינטערעסען אין אנדערע לענדער, אין דער האפנונג אז וויכטיגע שריט וועלען גענומען ווערען פאר דער גרינדונג פון אזעלכע באנקען. די לאגע ווערט אבער שווערער דורך די הויכע ראטען פון פראצענט אויף קאפיטאל, וועלכע הערשען איצט אין דער גאנצער וועלט.

די אייזענבאהנען פון פאלעסטינא האט די איצטיגע אדמיניסטראציע איבערגענומען פון דער מיליטערישער מאכט דעם 1-טען אקטאבער. לויט אן אפמאך מיט דער עגיפטישער רעגירונג און מיט די ארמיי-באהערדען, וועט דער פאלעסטינא'ר אייזענבאהן-דעפארטמענט אפערירען די ליניע צווישען קאנטארא און ראפא, הגם זי געהערט אונז ניט. א באדייטענדע סומע געלד איז באשטימט געווארען פון דיזער רעגירונג פאר די נויטיגע ארבייטען צו שיצען די באהנען פון פאלעסטינא געגען אפשטעלונגען דורך איבערשוועמונגען, ווי דאס האט פאסירט לעצטען ווינטער, און ברייטער צו מאכען די ליניע פון לוד נאך יפו.

א גרויסע פראגראמע פון אויסלייגען און פארבעטען וועגען איז איצט אין גאנג. אויסער דעם געהט איצט אן די ארבייט צו בויען אויפ'ס ניי דעם וועג פון גהאראניעה בריק ביז סאלט, און עס ווערען באטראכט מיטלען ווי אויסצובעסערען דעם וואסער-דעק אין חיפה, וועלכעס דארף זיין א הילף פאר דעם האנדעל אין יענעם פארט, ביז עס וועט געבויט ווערען א פאסענדער האפען.

בנוגע צו עפענטליכער געזונדהייט האב איך באשטימט א קאמיסיע פון עקספערטען אויסצוארבייטען פלענער פאר א ברייטען קאמפיין געגען מאלאריע, דורך דער אויסטרוקענונג פון זומפען און אנדערע מיטלען. פרייע מעדיצינישע באהאנדלונגען געגען מאלאריע ווערט איצט געגעבען אלע צוויי וואכען אין אלע דערפער פון פאלעסטינא.

א וועטערינארישער דיענסט איז איינגעפיהרט געווארען און עס זיינען גענומען געווארען מיטלען צו שיצען די בהמות און שאף פון פאלעסטינא געגען פיה-עפידעמיעס און אנדערע קראנקהייטען.

עס פרעהט מיך צו געפינען איבער'ן גאנצען לאנד א פארלאנג פאר דער אויסבעסערונג פון בילדונגס מעגליכקייטען. עס ווערען איצט גענומען שריט פאר דער גרינדונג פון א יורידישער שולע, אין וועלכער פאלעסטינער סטודענטען זאלען קאנען קריגען אונטערריכט אהן דער נויטיגקייט צו פארלאזען דאס לאנד, און עס ווערען איצט אויך גענומען שריט צו באזארגען א פראפעסיאנעלע אויסבילדונג פון פארמאציסטען. עס איז מיין ערנסטער וואונש צו שאפען געלעגענהייטען פאר פראפעסיאנעלער אויסבילדונג פאר יונגע פאלעסטינער וואס געהערען צו די געבילדעטע קלאסען.

פלענער זיינען צוגעגרייט געווארען פאר דער פאסיגער ענטוויקלונג פון די שטעט ירושלים, חיפה, און טבריה, אנדערע שטעט ווערען איצט באטראכט.

עס איז אויסגעארבייט געווארען א געזעץ פאר שטעט-בוי און ער ווערט איצט פארגעלייגט פאר אייער באראטונג. כדי ניט אפצוהאלטען הייער בוי-אונטערנעהמונגען ביז דאס נייע געזעץ וועט איינגעפיהרט ווערען און עס וועלען פארטיג ווערען די נויטיגע קאמיסיעס, נעהם איך צייטווייליגע שריט אז מען זאל קאנען ארויסגעבען פערמיטס פאר דעם בוי פון בנינים, וועלכע וועלען וואהרשיינליך ניט באריהרט ווערען פון די נייע פלענער.

עס איז ארויסגעגעבען געווארען א געזעץ, וואס באצוועקט ניט צו דערלאזען אז דאס לאנד זאל פאר'מיאוס'ט ווערען דורך מיסגעברויך פון אדווערטייזמענטס. דאס געזעץ וועט אריין אין קראפט דעם 1-טען נאוועמבער.

די באגרענצונגען פון רייזע-פרייהייט זיינען רעדוצירט געווארען ביז אויף דעם מינימום. מיליטערישע פערמיטס אריינצוקומען אין פאלעסטינא זיינען אפגעשאפט געווארען, און עס ווערט געגעבען יעדע ערמוטיגונג פאר דעם אריינקומען פון פילגרימס און טוריסטען. עס איז געגרינדעט געווארען אן איינוואנדערונגס-דעפארטמענט צו ארגאניזירען די קאנטראלע איבער די, וואס קומען זיך באזעצען אויף תמיד, האבענדיג באזונדערס אין אויג די ארבייטס-מעגליכקייטען אין דעם לאנד. א געוויסע צאהל אימיגראנטען, מייסטענס אידען, קומען איצט אן אין לאנד, און זיי געפינען באשעפטיגונג אין בויען וועגען און אין ענטוויקלען פון ביז איצט אונגעברויכטען לאנד. זייער אנוועזענהייט איז דעריבער ניט נאר קיין שטערונג צו די אינטערעסען פון דער עקזיסטירענדער באפעלקערונג, נאר זי ברייננגט זיי דירעקטען נוץ — דורך פארגרעסערען די מיטלען און וואוילזיין פון דעם לאנד. דאס איז איין ביישפיעל פאר דעם פאקט, אז דער פראצעס פון גרינדען די אידישע נאציאנאלע היים וועט ברייננגען א טובה און ניט קיין שאדען פאר דער ניט-אידישער באפעלקערונג.

עס איז אריין אין קראפט א געזעץ וועגען באוואלדונג כדי צו שיצען די וועלדער, די פלאנצונגען פון וועלכע איז א דרינגענדע נויט. די רעגירונג האט געגרינדעט פלאנצונגס-היימען פון וועלכע הונדערט-טויזענטע יונגע ביימעלאך וועלען קאנען פארפלאנצט ווערען יעהרליך. די פיש-שטייער איז אפגעשאפט געווארען און די אימפארטס-שטייער אויף בוי-מאטעריאלען איז רעדוצירט געווארען פון 11 ביז 3 פראצענט.

איך האב געהאט דאס פארגעניגען צו מאכען אפיציעלע באזוכען אין 11 פון די וויכטיגערע שטעט און אין 24 דערפער און קאלאניעס און האב איבעראל געקראגען פון די איינוואוינער א באגריסונג אויסגעצייכענט מיט הארציגער פריינדליכקייט און גוטען ווילען.

צום סוף דריקט אויס סעמיועל זיין צופריעדענהייט, וואס די פאליטישע אמ-[illegible] האט גענומען א גוטע ווירקונג און אין לאנד הערשט הארמאניע.

דער פשיסכער

פון א. אייזענשלאס.

אויף דעם אלטען פשיסכער ז"ל פלעגט מען זאגען, אז ער פלעגט אזוי זיין אריינגעטאן אין דבקות, אז ער פלעגט זיך ניט אומקוקען אויף קיין שום זאך. אפילו פסח און סוכות האט ער זיך אין קיין שום זאך נישט געמישט, נאר אליין זיך סומך געווען אויף זיין משמש.

איינמאל דערצעהלט מען, אז אריינגעהענדיג חוה"מ סוכות אין די סוכה, איז איהם איינגעפאלען א קוק צו טון אויף די סוכה. געהענדיג ארום דער סוכה, האט ער פלוצלונג דערזעהן, אז זי איז נישט געמאכט לויט'ן דין. ער האט זיך שטארק צובייזערט אויף'ן משמש, וואס צוליעב איהם האט ער עובר געווען אויף מצות סוכה, געמאכט צוליעב איהם אזוי פיעל ברכות לבטלה, און ער האט זיך שטארק צוואויינט.

דער עולם, פארשטעהט זיך, האט געהאט דערפון זעהר פיעל צער, נישט געוואוסט וואס צו טון. דא איז אבער גאר פלוצלונג אראפגעפאלען א צעטעלע: "הסוכה כשרה — מיכאל", און ערשט דעמאלט האט זיך דער אלטער בארוהיגט, און איז אריינגעגאנגען ווייטער אין דער סוכה עסען.

סוכות איז ער בכלל פון דער סוכה ניט ארויס אויף א מינוט א חוץ צום דאווענען. נשים, סיי אייגענע און סיי פרעמדע האבען, פארשטעהט זיך, אין די סוכה נישט געטארט אריינקומען. איינמאל, דערצעהלט מען, ווען דער אלטער איז געווען ביי'ם דאווענען, האט אן אשה, וואס דער משמש האט זי פאר יום טוב ניט געוואלט אריינלאזען, זיך אריינגע'גנב'עט אין דער סוכה אריין און זיך באהאלטען אונטער א באנק. ווען דער עולם האט געהאט אפגעדאווענט, און דער אלטער מיט'ן עולם זענען אריין אין דער סוכה, איז פלוצלונג געווארען אין דער סוכה זעהר א גרויסער ווינד. דער עולם האט נישט געקענט פארשטעהן וואס דאס איז? אין דרויסען איז אזא שעהן וועטער, די זון שיינט און דא, אין דער סוכה איז אזא שטורם-ווינד, אז די סוכה ווערט שיער נישט צוליגט . . . דער אלטער האט זיך אויף א רגע פארטראכט און גלייך א זאג געגעבען צום משמש: זאג דארט דער אשה, אז זי זאל תיכף ארויסגעהן פון דער סוכה.

די אשה האט זיך אבער איינגע'עקשנ'ט, אז זי וועט פריהער נישט ארויס געהן ביז דער אלטער וועט זי נישט אויסהערען און איהר א ברכה געבען . . .

דער אלטער האט זיך ווידער אויף א רגע פארטראכט, און געזאגט: "זאג, וואס ווילסטו? דא האט די אשה זעהר שטארק אנגעהויבען צו וויינען און דערצעהלט, אז שוין צוועלף יאהר ווי זי איז אן עגונה, זי האט פיער בוגרות חתונה צו מאכען און האט נישט קיין פרוטה. זי איז שוין געווען ביי זעהר פיעל גוטע אידען און קיינער העלפט איהר נישט . . .

דער אלטער האט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין ארט, אראפגעלאזט דעם קאפ אויף'ן טיש און אזוי אפגעזעסען א פאר מינוט. דאן האט ער זיך אויפגעהויבען און געזאגט: "דיין מאן איז א גוי! מארגען איז א יריד אין שטעטעל, זאלסטו זיך ארויסשטעלען מיט א קויש בייגעל און דאס איבעריגע וועסט דו שוין מארגען זעהן" . . . די אידענע האט אזוי געטון. געקויפט א קויש בייגעל און זיך מיט איהר ארויסגעשטעלט אין מיטען מארק. געגען מיטאג צייט איז צוגעקומען א גוי, גענומען עטליכע בייגעל, און אריינלעגענדיג דעם רעשט אין טייסטער אריין, האט ער איבערגעלאזט דעם גאנצען טייסטער און איז אוועק. די אידענע, זעהענדיג אזא גראבען טייסטער האט איהם גלייך באהאלטען אין בוזים אריין, און געוואלט אהיים געהן. דא איז אבער דער גוי גלייך צוריקגעקומען צו לויפען און געמאכט א גוואלד, אז זי זאל איהם צוריקגעבען דעם טייסטער. עס זענען זיך צוזאמענגעלאפען מענשען און פאליציי און מען האט זיי ביידע אוועקגעפיהרט צום פריסטאוו. די אידענע האט געלייקענט, אז זי ווייסט נישט פון קיין טייסטער, אז זי האט קיין טייסטער פאר די אויגען נישט געזעהן. ער ווידער האט געשריען, אז זי ווייסט יא, אז נאר ביי איהר האט ער איהם איבערגעלאזט. דארט איז געלעגען זיין גאנצער פארמעגען, האט ער געוויינט און זי וויל דאס איצט ביי איהם צונעהמען. נישט וויסענדיג וואס צו טון, און קענענדיג די אידענע, אלס אן ארענטליכע פרוי, האט דער פריסטאוו גע'עצה'ט דעם גוי און עצה, אז ער זאל מיט איהר געהן צום אידישען "ראבין". פאר איהם, נאר דעם אידישען ראבין — האט דער פריסטאוו געזאגט צום גוי, וועט זי שוין נישט לייקענען. און אויב זי האט טאקי דעם טייסטער גענומען, אזוי קענסטו זיכער זיין, אז זי וועט איהם דיר צוריקגעבען און עס וועט דיר קיין איין גמאשען נישט פעהלען . . . דער גוי האט געפאלגט און איז מיט איהר אוועק צום פשיסכער ז"ל, וואוהין עס איז מיט זיי מיטגעגאנגען אויך דער פריסטאוו אליין.

דער אלטער איז גראד דעמאלס געזעסען מיט א גרויסען עולם אין דער סוכה און געהאלטען אין מיטען עסען. און ווען דער פריסטאוו האט איהם דערצעהלט די גאנצע מעשה, האט ער א זאג געגעבען: "דאס געלד געהערט צו איהר!"

— דיים געלד איז מיינס! — האט דער גוי געשריען, — איך קען שווערען דארויף.

דיין שבועה איז קיין שבועה נישט — האט איהם דער אלטער געענטפערט, דו ביזסט א משומד!

דא האט זיך די אידענע אנגעהויבען איהם גוט איינצוקוקען, און האט גלייך דערקענט אז דאס איז איהר מאן. זעהענדיג, אז מען האט איהם דערקענט, האט זיך דער גוי גלייך מודה געווען. מ'האט גלייך געשריבען א גט. דאס געלט איז געווארען איינגעטיילט אויף זעקס חלקים, דעם ווייב איין חלק, די פיער טעכטער פיער חלקים און איהם אליין אויך א חלק.

דער גוי האט שוין אבער זיין חלק ניט געוואלט נעהמען און אנגעהויבען צו וויינען פאר'ן רבי'ן און פאר'ן גאנצען עולם, אז ער וויל צוריק א איד ווערען. באלד נאך יום-טוב האט ער זיך טאקי צוריק מגייר געווען און געווארען גאר א פרומער איד און איז תמיד געפאהרען צום פשיסכער ז"ל.

דאס טייג פון פאי איז מעהר דעליקאט און קרוכלע ווען געמאכט מיט
MAZOLA

די פראווינץ ביים אטלאנטישען ברעג

די פראווינץ נאווא סקאשיא.

די קענעדער פראווינץ ביים אטלאנטישען ברעג, די פראווינץ וואו דער אימיגראנט געהט אראפ פון שיף ביים אנקומען קיין קענעדע, און וואו ער קריגט די ערשטע ידיעות וועגען דעם קענעדער ארט לעבען — איז די פראווינץ נאווא סקאשיא.

מערקווירדיג איז די דאזיגע פראווינץ. מערקווירדיג דערפאר וואס דער וועטער איז דארטען אימער אזוי מילד, מערקווירדיג אויך פאר איהר שעהנער און אינטערעסאנטער געשיכטע.

ווער עס איז נאר באקאנט מיט לאנגפעלאו'ס "עוואנגעליין", די העלדין פון איינע פון זיינע גרעסטע און בעסטע פאעמעס, איז אויך באקאנט מיט די שעהנע פעלדער און די געדיכטע וועלדער פון נאווא סקאשיא, און מיט די וואונדערבארע רייכטימער מיט וועלכע די נאטור האט זי געבענשט.

אין מערב נאווא סקאשיא געפינען זיך איינגע טאלען, צווישען זיי דער אנאפאליס טאל, וואס איז איינער פון די פרוכטבארסטע ווינקלען אויף דעם ערד-קוגעל. דארטען געפינען זיך די רייכסטע סעדער אין קענעדע — און די עפעל, וועלכע קומען פון אנאפאליס טאל האבען א שם איבער דער גאנצער וועלט. אין מזרח זייט פון פראווינץ, ביי די ברעגעס פון דעם אטלאנטיק, געפינען זיך הויכע בערג, אין וועלכע עס ליגען די רייכסטע קוילען-שיכטען פון דעם גאנצען אטלאנטישען ברעג.

דא האבען די ערשטע קאלאניסטען געגראבען קוילען און זיי אפגעפיהרט צום פארקויפען אין די גרויסע שטעט, און די קוילען-אינדוסטריע, וועלכע האט זיך ענטוויקעלט מיט דער איינוואנדערונג און קאלאניזאציע פון דער פראווינץ, איז יעצט איינע פון די גרעסטע און רייכסטע אינדוסטריעס פון נאווא סקאשיא.

די ערשטע ווייסע קאלאניסטען וועלכע זענען אנגעקומען נאך נאווא סקאשיא זענען געווען פראנצויזען. זיי האבען זיך באזעצט הויפטזעכליך אין די מערב געגענדען פון פראווינץ, וואו עס זיינען געווען ווייניג וועלדער און גוטע, פרוכטבארע ערד, אזוי אז מען האט זיך גלייך געקענט נעמען צו ערד-ארבייט. די יעניגע וועלכע האבען זיך איבערגעלאזט מעהר צו מזרח צו, האבען צוליב די גרויסע וועלדער און הויכע בערג נישט געקאנט מאכען קיין לעבען פון ערד ארבייט, און זענען געווארען יעגער און פישער.

אין אקאדיע און אין קעיפ ברעטאן (געגענדען פון נאווא סקאשיא) זיינען אנפאנגס ניט געווען קיין גרויסע ערענדעס, אזוי ווי אין פראנקרייך אין יענער צייט.

די ערד-ארבייטער און פישער האבען געלעבט אין גרויסע געמיינדעס, און זיינען געווען אינגאנצען אונטער'ן איינפלוס פון זייערע גלחים. זיי האבען זיך ניט אפגעטיילט פון די ארומיגע אינדיאנער, נאר האבען מיט זיי זעהר פריינדליך געלעבט, איבערגענומען זייערע מנהגים און גאנץ אפט זיך אויסגעמישט מיט זיי.

ערשט אין מיטען פון זיבעצענטען יאהרהונדערט האט לודוויג דער פערצעהנטער, דער דאמאלסדיגער קעניג פון פראנקרייך, אוועקגעגעבען דעם אינזעל קעיפ ברעטאן צו איינעם א פריינד מיט'ן נאמען ניקאלאס דענים און פון יענער צייט האבען זיך אנגעהויבען באוויזען צאלרייכע און גרויסע ערענדעס אין נאווא סקאשיא.

אין גיכען האבען די פראנצויזען פארגרינדעט די פעסטונג לואיסבורג, כדי צו פארטיידיגען די פראנצויזישע באפעלקערונג און דעם טייך סט. לאורענס געגען די ענגלענדער, וועלכע האבען אנגעהויבען אלץ מעהר און מעהר צו דראהען די פראנצויזען אין פראווינץ.

דאס אויסבויען פון דער פעסטונג האט געפיהרט צו דעם אז די באפעלקערונג זאל זיך שטארק פארמערען. אין 1749 האבען די ערשטע ענגלישע קאלאניסטען זיך באזעצט אין נאווא סקאשיא. דאס זענען געווען סאלדאטען וועלכע האבען געהאט אפגעדינט זייער צייט אין דער ענגלישער ארמיי וואס איז דאמאלס איינגעשטאנען אין די פאראייניגטע שטאטען און זענען זיך נאכדעם מישב געווען צו פיהרען א רוהיגע לעבען אין נאווא סקאשיא. זיי האבען זיך הויפטזעכליך באזעצט ביים דרום ברעג פון לאנד, אין דעם געגענד וואו עס שטעהט יעצט די גרויסע שטאט האליפאקס און א דאנק דעם וואס זיי האבען דעם געגענד אפגערייניגט פון יעגלעכער, איז, אין 1749, מעגליך געווען אויפצובויען די דאזיגע שטאט אויף יענעם ארט. האליפאקס איז זיך ביסלאכווייז צוואקסען און איז יעצט איינע פון די גרעסטע און וויכטיגסטע שטעט אין קענעדע.

אין 1756, האט זיך פונאנדערגעפלאקערט דער זיבען-יעהריגער קריעג צווישען ענגלאנד און פראנקרייך. ביידע צדדים האבען ביטער און העלדיש געקעמפט. אבער, אין 1759, האט זיך די ענגלענדער [illegible] געגליכען צו צושמעטערען די פראנצויזישע מאכט אין א גרויסער שלאכט ביי קוויבעק און אין 1763 איז קענעדע (וואס איז דאמאלס באשטאנען פון אנטאריא, קוויבעק, ניו בראנזוויק און נאווא סקאשיא) איבערגעגאנגען צו ענגלאנד.

נאכדעם ווי ענגלאנד האט איבערגענומען די מאכט, איז זיך די קאלאניזאציע צוואקסען מיט ריזען-שריט. אין די לעצטע צוואנציג יאר פון דעם אכטצענטען יארהונדערט, א קאלאניע צייט נאך דער אמעריקאנער קריעג — זענען איינגע ענגלישע קאלאניסטען, וועלכע האבען דאמאלס געלעבט אין די פאראייניגטע שטאטען, געווען שטארק אונצופרידען מיט דער נייער רעגירונג און, בלייבענדיג טריי צו ענגלאנד, האבען זיי אויסגעוואנדערט אין די טויזענטער נאך קענעדע. די דאזיגע קאלאניסטען האבען געהייסען די "יונייטעד עמפייר לאיעליסטס". פיעלע פון זיי האבען זיך באזעצט אין נאווא סקאשיא, וואו זיי האבען געגרינדעט גרויסע שטעט, און שטארק ענטוויקעלט די ערדארבייט און דעם אינדוסטריעלען מצב פון לאנד.

די קינדער און קינדסקינדער פון די דאזיגע בראווע קאלאניסטען האבען פארגעזעצט די ארבייט פון זייערע פאטערס און יעצט זיינען די סאמע וויכטיגסטע שטעלען פון פראווינץ, אזוי ווי פון לאנד, פארנומען פון די מענשען וועלכע שטאמען פון זיי אפ.

אין די ערשטע יארען פון דער ענגלישער הערשאפט, איז נאווא סקאשיא רעגירט געווארען פון א קליינער קליקע פון צוועלף מענשען, וועלכע האבען זיך אנגערופען "דער קאנסיל אף טוועלף". וואוינענדיג אין האליפאקס, וואס איז דאמאלס געווען די הויפט-שטאט פון פראווינץ, האבען זיי רעגירט און פארוואלטעט די געשעפטען פון גאנץ נאווא סקאשיא. שפעטער אבער ווען די יו. א. לאיעליסטס האבען זיך באזעצט אין פראווינץ און אנגעהויבען צו פיהרען א בעסער לעבען איז ענטשטאנען א שרעקליכער קאמף צווישען דער קליקע און די ניי-אנגעקומענע קאלאניסטען, וועלכע האבען געפאדערט א דעמאקראטישערע רעגירונג. סוף כל סוף האבען די קאלאניסטען אויסגעפיהרט און יעצט האט נאווא סקאשיא א קאנסטיטוציע וועלכע איז פונקט אזוי דעמאקראטיש ווי די קאנסטיטוציעס פון אלע איבעריגע פראווינצען פון קענעדע.

די רעגירונג פון נאווא סקאשיא באשטעהט פון א) א "גאווערנאר" וואס ווערט אנגעשטעלט פון דער קענעדער רעגירונג. ב) א סענאט פון צוואנציג מיטגלידער, וועלכער ווערט אנגעשטעלט פון דעם קאבינעט פון נאווא סקאשיער פארלאמענט, די מיטגלידער פון סענאט האלטען זייערע עמטער אזוי לאנג ווי זיי לעבען. דער סענאט גופא איז ניט קיין געזעצגעבענדע קערפערשאפט. אלעס וואס עס קאן טון איז צו ראטיפיצירען די פארשלעגע פון פארלאמענט. ג) א פראווינציעלער פארלאמענט פון איין און פערציג מיטגלידער, וועלכע האבען די פולע רעכט צו מאכען און דורכפיהרען געזעצע. ד) א קאבינעט פון נייען מיטגלידער, וועלכע ווערען אנגעשטעלט פון דעם פרעמיער פון פראווינץ און זיינען די פארשטעהער פון די מאיאריטעט אין פארלאמענט.

ווי מען קאן אלזא זעהן, איז נאווא סקאשיא א פראווינץ וואו די רעגירונג ליגט אין די הענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג.

די אימיגראציע אין נאווא סקאשיא איז פארהעלטענסמעסיג זעהר א קליינע. אין 1917 זיינען געווען בלויז 10,972

אימיגראנטען אין
זענען געקומען
שטאטען. דאס איז
גרויסער וואונדער, ווייל
מאגט זעהר פרוכטבארע
פארשידענע אינדוסטריעס
ביים, פישפאנג און
ריע, וועלכע זענען
ערדי הויכער שטופע
די אינדיאנער פון נאווא
וועלכע האבען אזוי פריהער
מיט די פראנצויזען
רעגירונג ניט פארפאלגט
געגעבען באזונדערע
"רעזערוואציעס" וועלכע
צען צו זיי און וואו
ווי זיי ווילען. נאר
זערוואציעס" האבען זיי ניט
אבער ווי נאר זיי פארלאזען
געגענדען ווערען זיי קענעדער
און האבען אלע רעכטען.
נאווא סקאשיא איז נאך
יונגע פראווינץ: מיט אירע
רייכטימער, מיט איהר פרוכ
האט זי זיך נאך ניט
די אנדערע פראווינצען פון
אויב זי וועט אין דער נאהנט
קונפט ניט ווערען מעכטיג און
לען אין דעם שולדיג זיין בלויז
איינוואוינער גופא.

אוקראינער פארבאנד
שיקט 2000 דאלאר פאר
און קינדער היימען

צווישען די געלדער, וואס
פארטמענט פאר לאנדסמאנשאפט
דער דזשאינט דיסטריביושאן
האט לעצטענס אריינגעקראגען
הילפס-ארבייט אין געוויסע
געגענדען אין די מלחמה-לע
איך געווען די ערשטע גרעסע
פון א לאנדסמאנשאפט
יצרק, און דאס איז דער
פארבאנד פון שטאט אהייא,
האט אריינגעשיקט די ערשטע
טויזענט דאלאר. דאס געלד
פאר קיבען און קינדער-היימען
דאליער און וואהלינער גובערני
דער פארבאנד פארשפרעכט
שיקען נאך מעהר געלד.

צווישען די גרעסערע סומען
דע לאנדסמאנשאפטען
מענט ווערען די סומע פון איבער
דאלאר פון דער קארטאן-בעזוגער
מאנשאפט. ווייטער זיינען אריינ
קען געווארען פאלגענדע סומען:
זיער רעליעף — $735;
$1000; ווארשאווער הענדלע
בערס — $220; מעזעריטשער
קרעזשער — $108; דימנער
מיאל — $1925 און נאך א
ראטניצער — $782; קאמנאנ
$500 ראוונער — $2000;
צער — $500; וואסיליסקער
ראסינער — $1500; זיזאנ
$278; שאמער — $200 און
נערער דזשואיש עליינס — $100.

ווי עס איז צו זעהן פון די
רעכענטע געלדער, ווערט די
די הילפס-פאראיינען, וואס
איבער געלד דורך דעם לאנדסמ
טען-דעפארטמענט פון דער
דיסטריביושאן קאמיטע יעדען
גרעסער. די לאנדסמאנשאפטען
באזארגען דאס געלד פאר זייערע
אויף דעם אופן, נויטיגען זיך
אין קיין ספעציעלע שלוחים,
האבען סיי ווי גרויסע שוועריג
אויף יענער זייט און מוזען
בען אנקומען אפט צו דער
טריביושאן קאמיטע, אז זי
געלד באזארגען אויף דעם
פלאן און איבערגעבען זיי

פארלאג „אידיש"
East Broadway New York
קענעדער אפטיילונג
Cadieux Street Montreal
אין פארלאג אידיש ווערט איצט ארויסגעגעבען דאס גרויסע
פון אייזיק הירש ווייס
די גרינדער און בויער פון אידענ
(דור דור ודורשיו)
2 סעריעס 5 בענד. — יעדער באנד פון די צוויי סעריעס וועט ענ
פון 380 ביז איבער 400 זייטען. גרויסער פארמאט, פראכטפול
פרייז פאר ביידע סעריעס — — — — — — — — — — — —
פאר סובסקרייבער — — — — — — — — — — — — — 00
אין דריי אינצאהלונגען
ביי יעדער איינצאהלונג באקומט דער סובסקרייבער א טייל פון די
א קאטאלאג פון אלע אונזערע אויסגאבען און אויך פון די
וואס געפינען זיך ביי אונז אויפ'ן פארקויף ווערט
געשיקט צו יעדען איינעם, וואס וועט פארלאנגען.
טאראנטאער סובסקרייבער אויף י. ל. פרצ'עס ווערק קענען
די דריטע סעריע ביכער ביז דעם 25-טען נאוועמבער
בעקוועמלי גאס, נעגענאיבער פון שולע יעדען אווענט פון 6
ביי אונזער פארטרעטער, הער ש. שניידער, וועלכער
איצט אין טאראנטא. טעלעפאן קאלעדוש 388.
Branch Farlag „YIDDISH"
Montreal

ריסטען צווישען יקען און רוסלאנד

(פארזעצונג פון פיירדש 1)

פיעלס זאגט דאס גענעראל באלא- וויטש ווערט אויסגעהאלטען פון דער לישער רעגיערונג. עס איז דארום ן מעגליך אז אונטער דער באלאכא- ויטש „אונטערנעהמונג" שטעקט אין ן אן עקעלהאפטער שפיצעל פון דער ישע - פראנצויזישער קאמבינאציע צו קען א נייעם אנפאל אויף רוסלאנד. דערם וואס איז ריגא זיצען די שלום נאטען און גיבען די בעסטע קאנדי- ציעס צו פוילען אבי אפצושליסען א שלום.)

די סאוויעטען רעגירונג ווייזט אן אז די סאלדאטען פון גענעראל באלאכאוויטש ען זיך „וואלונטירען" אבער אין ת'ן באשטעהען זיי אלע פון פּאליא- קען און זיי האלטען בכדר אין אטאקירען די סאוויעטען ליניען.

ווארשא האט מורא

פון א סך קוועלען האבען זיך גענו- מען סראגען קלאנגען דאס די סאוויעטען רעגירונג מיינט צו מאכען אן אנפאל אויף פוילען און אז „ווארשא" האט דער- וועהען א גרויסע געפאהר פאר איהר זעלבסטשטענדיגקייט און אז מען מאכט שוין פארבארייטונגען צו פארהיטען די געפאהר.

רוסלאנד וויל אפרייסען פוילען פון די אלייאירטע

פון בערלין האבען זיך גענומען טראגען רעפארטען דאס די סאוויעטען רעגיערונג זוכט אויסצונוצן אלע מעגליכקייטען אפצורייסען פוילען פון די אלייאירטע.

עס ווערט געמעלדען אז אין ריגא, וואו עס קומען איצט פאר די לעצטע פארהאנדלונגען וועגען אויסארבייטען די לעצטע און פערמאנענטע שלום פונקטען, זוכען די סאוויעטען רעגענטען צו געבען פוילען די בעסטע קאנדיציעס, כדי צו באאיינפלוסען זי געגען די אלייאירטע.

עס ווערט אנגעוויזען דאס אין א רעדע פאר דער דעלעגאציע האט יאן דאמבסקי ערקלעהרט אז פוילען איז זעלבסטשטענדיג און אז פוילען וועט טון אלעס מעגליכס צו מאכען דעם שלום צווישען פוילען און רוסלאנד א פערמאנענטען.

יאפע, ענטפערענדיג, האט געזאגט אז טראצדעם וואס די סאוויעטען ארמיי האט געהאט אזא גרויסען זיעג אין קרים, דאך וועט אויף ווייטער אנגעווענדעט ווערען די בעסטע אפזיכטען צו האלטען די ברידערליבקייט צווישען רוסלאנד און פוילען.

דיאמאנטען

פאר מזומן אדער אויף קרעדיט. זייט זיכער צו זעהן אונזער אויסוואה פון דימאנטען. מיר גאראנטירען צו פארשפארען אייך געלט.

דזשייקאבס בראדערס
15 טאראנטא ארקייד.

דזשועלרי הענדלער און דזשועלרי סטארקיפּערס אויפמערקזאם

זייט וויסען, אז איך

מ. העלער

האב זיך גענומען צו דער ארבייט, אונבין וויליג צו מאכען אלערליי דזשועלרי דזשאבס פאר דער טרייד.

רופט מיך אדער זעהט זיך מיט מיר, ווען איהר דארפט מאכען אייערע דזשועלרי דזשאבס. און איהר וועט זיין צופריעדען.

אלערליי רינגען, קלענערע אד ער גרעסערע, געמאכט צום סייז.

מיין נייער אדרעס איז

251 Queen St. West

טעלעפאן אדלייד 3967

די איינציגע אידישע ווינדא קלינינג קאמפאניע —

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, סטארס, אפיסעס און סטאר קלינינג בעסטע ארבייט צו די בילינסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. 10 טעראלי סטריט, טעלעפאן ארעל. 3087

און יום טובים טעלעפאנירט קאל. 5619.

NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY, 10 TERAULEY ST.

ווענען ראיעלסטע און בעסטע אויסקינפטען פאר אינשורענס ווענדעט זיך צו :

פּ. ליוואי
ספעשעל לייף אינשורענס אגענט

P. LEVI
Insurance Agent
214 Beverly St. Tel. Coll. 8101

יעקב ט. בענעט

(פון בענעט און סטעטראן)

באריסטערס, סאליסטערס, נאטאריעס א. ז. וו.

2801 דאנדעס סטר. וועסט טאראנטא

טעלעפאן דזשאנקשאן 9077.

אווענט טעלעפאן דזשאנקשאן 988.

— די —

שוויץ באד

אין 36 סענטער עוועניו

וועט זיין אפען

יעדע דינסטאג אווענט

וואו איהר קענט שלאפען א גאנצע נאכט

קלאוק מאכער אויפמערקזאם

פאלגענדע מיטינגען ווערען גערופען פאר הייגטיגער וואך. וואו יעדער ווערט געבעטען אנוועזענד צו זיין.

מאנטאג אווענט דעם 22-טען נאוועמב.

8 אזייגער

לאקאל 14 אפרייטארס

דינסטאג אווענט דעם 23-טען נאוועמב.

8 אזייגער

לאקאל 70 סקווירט און דרעס מאכער

מיטוואך אווענט דעם 24-טען נאוועמב.

8 אזייגער

לאקאל 92 פרעסערס

די מיטינגען וועלען געהאלטען ווערען אין יוניאן האל 84 בעווערלי סטריט

גערעקט אז זעהר וויכטיגע טריידס פראגען זייען יעצט פאראן און מוזען גלייך פארהאנדעלט ווערען בעפאר דעם קומענדען סיזאן.

עס איז וויכטיג דאס יעדער איינער זאל אנוועזענד זיין ביי זיין מיטינג.

מיר מאכען אויך אויפמערקזאם דאס די רעדזשיסטריישאן איז פארלענגערט געווארען אויף נאך א וואך. יעדער וועלכער האט זיך נאך ניט רעדזשיסטרירט, זאל דארום אין פארלויף פון היינטיגער וואך קומען אין אפיס פון דער יוניאן, און מיטברענגען זיין יוניאן ביכעל, אום זיך צו רעדזשיסטרירען.

ביי ארדער

דזשאינט באארד קלאוקמאכער יוניאן.

וויכטיגע באקאנטמאכונג

איך, אייער אלט באקאנטער בארבער

גדליה מיט'ץ

לאז וויסען מיינע צאהלרייכע קאסטימערס אז איך האב איבערגענומען דעם בארבער שאפ אין 531 דאנדעס סטריט וועסט און איך פארשפרעך אייך צו געבען די זעלבע גוטע בעהאנדלונג. און ערשטע קלאס ארבייט גאראנטירט. איך האף איהר וועט מיך פאטראניזירען.

פארגעסט נישט.

גדליה מיט'ץ 531 דאנדעס וועסט (לעבען דווארקינס)

ווערט א לעזער פון אידישען זשורנאל

לעזט אייער טעגליכע צייטונג וועלכע באקאנט אייך מיט דעם וואס עס טוט זיך ארום אייך

לעזט יעדען פריהמארגען איטער די אידישע נייעסען פון דער גאנצער וועלט וואס ערשיינען אין „זשורנאל" מיט דריי טעג פריהער ווי אין אנדערע צייטונגען. אויך נייעס פון אייער אייגענער שטאדט און פון אנדערע קאנאדער שטעדט און שטעדטלאך ארום אייך, און פון איבער'ן גאנצען לאנד.

לעזט אין „אידישען זשורנאל" די וויכטיגסטע נייעס ארויסגענומען פון די פוילישע - אידישע צייטונגען וואו דער „זשורנאל" גיט איבער אלעס וואס עס פאסירט איף יענער זייט ים, וואו איהר זענט אזוי שטארק פאראינטערעסירט.

לעזט אונזערע נייעסען און פאסירונגען וואו איהר געפינט דאס אינטערעסאנטסטע וואס עס קומט פאר אויף דער גאנצער וועלט

לעזט אונזערע קארעספאנדענציעס פון פוילען, וועלכע ווערען ספּעציעל געשריעבען פאר'ן „זשורנאל" וואו עס שפיגעלט זיך אפ דאס פוילישע אידישע לעבען.

לעזט יעדען מיטוואך אונזער פיטשור „די ביהנע" וואו איהר געפינט אלע מאל עטוואס נייעס וועגען טעאטער. ווי אויך וועגען דעם וואס מען שפּילט אין אונזערע שטאדטישע טעאטערן.

לעזט דעם „זשורנאל" יעדען טאג. און זייט זיכער אז איהר לעזט קאנאדעס אידיש - נאציאנאלע צייטונג, וואס איז פאראינטערעסירט צו געבען איהרע לעזער אלעס וואס אין קאנאדע פאסירט.

ווערט א לעזער היינט
אויב איהר זייט עס נאך נית

HIPPODROME

די וואך פון 22-טען נאוו.

טאסקאנא ברידער, דזשעק און קוטי רעמאקיא, דייוי ריען און קאמ.

פיטשור פיקטשור

א שעהנע קאמעדיע דראמא "ארבייטער פארלאנגט — א מאן" מיט בלענטיש סוויעט אין דער הויפט ראליע.

קאנלי און וועב, די עווער לייס, טשיק — מארבעלס — ער. א סאנשיין קאמעדיע. פעטה פאלארד קאמעדיע.

באקאנטמאכונג

איך מאך באקאנט אלע מיינע קאסטימערס אז איך פארגרעסער מיינע ביזנעס. דעי 6-טען אקטאבער קענט איהר מיך געפינען אין מיין נייער וואוינונג

9 קענזינגטאן עוועניו

טעלעפאן קאלעדזש 6621

און וועל מאכען די זעלבע ארבייטען ווי שוין באקאנט, פארריכטען אלערליי גראמאפאנען, מאשינערי, סקיילס ריפּיירד שלעסער און שליסלען. אלערליי בייבי קערעדזשעס אויך אנדערע ארטיקלען. צופריעדענהייט גאראנטירט. אידישע און ענגלישע רעקארדס צו פארקויפען.

פּ. שלייפער

שעכטער

אפיס איז אפען יעדען טאג פון 9 ביז 9.

ריעל עסטייט, אינשורענס

מערידזש לייסענס, סיטיזען פייפערס, געזעצליכע דאקומענטען און אויך גענעראל אגענטען פאר אלע אידישע צייטונגען, אין לאנדאן, ברענטפארד, סענט קעטערינס, גאלף, דאנדאס און האמילטאן. אדווערטייזונגען פאר'ן „זשורנאל" ווערען אנגענומען לויט דעם אפיס פרייז.

אפיס 636 בארטאן סט. איסט, טעלעפאן גארפילד 127.

הויז 65 איסט אוו. נארטה. טעלעפאן רעג. 5589.

James L. SHEKTER
Justice of the Peace
Issuer of Marriage License

נאכ'ן פארלאנג פון מיינע געוועזענע קאסטימער פארקויפט

דזשאו קראפּיווקא

אלע סארטען געפיקעלטע פליישען ביי זיך אין הויז

איהר קענט באקומען ביי מיר אין הויז פרישען קארנביף יעדען טאג, אלערליי סארטען פלייש און ווארשט, פיקעלס פעפערלאך, זויערע טאמייטאס און אלץ וואס אייער הארץ גלוסט נאר אין דעליקאטעסען.

מיר נעהמען אויך אן ארדערס פאר חתונות, פארטים און באנקעטען, און מיר גאראנטירען צופריעדענהייט.

דזשאו

(פון דער אייז קרים פארלאר)

574 דאנדעס סט. וועסט

טעלעפאן קאלעדזש 5757

א ספעשעל נייעס פאר קאנטרי לייט

דער אלטער אייערער בעוואוסטער ווארשט מאנופעקטשורער

א. דאלגין

לאזט אייך וויסען, אז פון היינט אן און ווייטער בין איך פארטיג צו דינען אלע מיינע אלטע געוועזענע און נייע קאסטימערס מיט גוטע און כשר'ע ריינע סחורה, ווי אויך ריכטיגע באהאנדלונג. אלע סארטען געפיקעלטע, געסמוקטע פליישען און ווארשטען פון דער בעסטער ליין. מיין סחורה גאראנטירט מיין נאמען.

A. DOLGEN

671½ ריטשמאנד סטריט וועסט.
טעל. אד. 2658

13551—12—5

קעש'ס דזשולערי סטאר

אין 145½ קווין סטריט וועסט

מיר פארקויפען אויס אונזער סטאק ווייל מיר געהן אין האלסייל ביזנעס

אזוי פארקויפען מיר יעדען ארטיקעל פיעל בילינער ווי אימער.

עקסטרא בארגיינס אין דיימאנדס, וואטשעס. נייע סטייל לייכטער אויסנאהם שעהן. קאט גלעס. פארשפעטיגט נים און קומט גלייך.

אייער פריינט קעש

145½ קווין סט. וו. טעלעפאן עד. 3588

פעקמאר און שולמאן

לאיערס

303 לעמסדאן בילדונג. טאראנטא.
6 ערלייד סטריט איסט קארנער יאנג סטריט.
טעלעפאן מיין 4359.

דזשיי וו בראדי און קא.

באריסטער, סאליסטער, נאטערי און א. ז. וו.

אפיס אין 710-711 טעמפעל בילדינג. טעלעפאן ערלייד 3086.

לואיס ס. סינגער

לאייער און נאטארי פאבליק

קאמישאנער פאר אלע פראווינצען פון קענעדע.

לאא אפיס 154 סימקא סטריט.

טעלעפאן ערלייד 1440
טעלעפאן ערלייד 1441
וואוינונג 433 פאלמערסטאן בולווארד
טעלעפאן קאלעדזש 4866.

דר. א. ל. הימעלשטיין

דענטיסט

דאמיניאן באנק בילדינג קארנער מיקאל און דאנדעס סטריט. טעל. 6441.

דר. ה. דייווידסאן

דענטיסט.

אין דער נייער ראיעל בענק בילדינג

קארנער דאנדעס און טשעסטנאט טעלעפאן ערלייד 1789

דר. ב. ברעגמאן

דענטיסט

בעסטע ברידזש ארבייט פאר מעסיגע פרייזען.

544 קווין סטריט וועסט, איבער הופערס דראג סטאר, טאראנטא.
טעלעפאן קאלעדזש 9610.

ספּעשעל נאטיס צו אונזערע קאסטימערס

ארדערט קוילען יעצט און ווארט ניט אויף דער לעצטער מינוט, ווייל שפּעטער וועט איהר צאהלען דאבעל און דאצו וועט איהר נאך ניט קענען באקומען.

THE EATON COAL CO.

Phone Ad. 2696

איטאן קאהל קא.

אפיס 352 קווין וועסט טעל. עדל. 2696

טאראנטא כשר ווארשט און פיש סמאוקינג מאנופעקטשורינג

מיר מאכען באקאנט אז איהר קענט ביי אונז באקומען צו יעדער צייט גע-סמוקטע פישען, אויך מאכען מיר די בעסטע ווארשטען און פאסטראמא. מיר קויפען נאר כשר'ע פליישען פון די אידישע האלסיילער. די שטרענגסטע כשרות לויט די אומשטענדען.

ארדערס ווערען פינקטליך דעליווערט. קאנטרי ארדערס דעליווערט פון א דאלאר און העכער.

גיט אונז א טרייעל און איהר וועט דאן בלייבען אונזער שטענדיגער קאסטומער.

משה דייוויס

266 פארלאמענט סט. טעל. מיין 909

קויפט אייערע קוילען פון

יאנעווער בראדערס

וואו איהר בעקומט בלויז ראזשערס קוילען מיט ראזשערס פיקעס

268½ קווין סט. וועסט טעלעפאן ערלייד 3766

דער זיכערער וועג צום ערפאלג?

זיכער! דער בעסטער וועג צו האבען ערפאלג איז אנפאנגען לערנען ביי א גוטען לעהרער. באטראכט דאס נאר גאנץ גוט! און קומט צו פּראפעסאר מייקעל אנזשעלא נאך מוזיק לעקאנס פאר אייך אדער אייערע קינדער. איהר וועט אויסגעפינען אז מר. אנזשעלא'ס סיסטעמע און ערפאהרונג אין לערנען וויאלין, מאנדאלין, קארנעט, סאקסאפאן, אדער אירגענד וועלכען אנדערען אינסטרומענט וועט אייך פיהרען צו א זיכערען ערפאלג. מיין מאטא איז: „א גוטער מוזיקאלישער אנפאנג" און דאס איבעריגע איז לייכט. באדינגונגען זעהר מעסיגע.

Prof. Michael Angelo

סטודיא 450 ספעדינע עוו. טעלעפאן קאל. 17